בס"ד / שנה ו' / פרשת בהעלתך / נומער 315

# קרענצל



## אביסל פון אלעס

דער מנהל פונעם פאפולערן טעלעפאון ליניע **"קול ברסלב"** **מו"ה משה עקשטיין הי"ו** פארציילט אונז איבערן נייעם קנעפל "איבלס פון אלעס" וואס איז גאר שטארק אויפגעכאפט געווארן.

## פרישע געזעץ איבערן זומער זייגער ווערט שטארק געשטופט

וועטליכע נייעס

## דער פרענטש פריי עסער מעסט צדיקים

משה ארי' שניצלער

## אנגעקומען צו ראובן בן יעקב

ברויך נויסבוים

## איך דאווען אין ברסלב

אהרן קליטניק



# קרית ברסלב ליבערטי

ז י ב ן י א ר פ ו נ ע ם ג ר י נ ד ו נ ג

מ ק ץ
ש ב ע
ש נ י ם
ת ע ש ה
ש מ ט ה

בס"ד

בהעלותך
תשפ"ו

**נומער**
**315**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שטעטל נייעס |
| **06** | עידנו |
| **10** | א ווארט צווי |
| **12** | וועלטליכע נייעס |
| **13** | אלץ און אלעמען |
| **14** | מעשה פון תפילה |
| **16** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **22** | אביסל פון אלעם |
| **30** | מעשה פון א צדיק |
| **32** | געדאנקען |
| **35** | א בליק אויף צוריק |
| **36** | געשעעניש |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

אפשר ווילט איר א

# זכות נצחי

אין מיין לימוד התורה?

## ז כ ו ת י ם

| קלאס א' | קלאס ב' | קלאס ג' | קלאס ד' | חדר המנהל |
|---|---|---|---|---|
| נמכר | | | | |

צו נעמען א זכות אינעם בנין קען מען זיך ווענדן
צו די געטרייע גבאים פון 'קרן הבנין'

מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו
347.997.2348

מו"ה שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688




*sruliHeskel

# שטעטל נייעס



## אפגעצייכנט ב"ה א שמיטה יארן פונעם שטעטל

אין די טעג ווערט אפגעצייכנט זיבן יאר פונעם דאטום י"ז סיון תשע"ט, ווען די ערשטע משפחות מאנשי שלומינו האבן זיך אפיציעל אריינגעצויגן אינעם ברסלב'ן שטעטל וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט דאן געגרינדעט.

עס האט דעמאלט אויסגעזען ווי א ווייטער חלום: א שטעטל? וואו, אינעם וויסטן ליבערטי? ס'גייט זיך טאקע אויסארבעטן? אבער געלויבט דעם אייבערשטן, מיט סייעתא דשמיא שטייט מען היינט בלויז עטליכע יאר שפעטער, און עס שפרודלט א הערליך בליענדע שטעטל וואו פילע משפחות אנשי שלומינו, יראים ושלמים, לעבן אינעם שויס פון דער נאטור אינאיינעם מיט'ן אייבערשטן. אלעס איז ברוך השם געפאלן אין פלאץ, און עס פעלט גארנישט אינעם שטעטל, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

עס וואלט זיך באמת אויסגעפעלט מערערע ארטיקלען צו באשרייבן די פילע פעולות, מוסדות און ארגאניזאציעס וואס אפערירן מיט סייעתא דשמיא אינעם שטעטל.

מיר וועלן דא אויסרעכענען בלויז אויפ'ן שפיץ גאפל, און מיר האפן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אין די צוקונפט טאקע צו קענען מאכן א געהעריגע אפהאנדלונג און באשרייבן יעדן באזונדער מיט'ן ריכטיגן כבוד.

דאס שטעטל פארמאגט הערליך צוגעשטעלט אלעס וואס א אידישע שטאט דארף צו האבן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

עס פארמאגט א גרויסע בית המדרש וואו מען דאווענט טעגליך אינדערוואכן: די צענטראלע שול געפינט זיך אויף האשקי רד. און דינט ווי א מנינים-צענטער מיט כסדר'דיגע מנינים שחרית, מנחה און מעריב; אזוי אויך פארמאגט עס א גרויסן לופטיגן היכל התורה צום לערנען, וואו דער קול תורה הילכט אפ במשך רוב שעות פון טאג.

אזוי אויך איז דא אוועקגעשטעלט שבת שולן ביי יעדע געגענט באזונדער פונעם שטעטל, וואס דאס ציילט זיך אין א סך הכל פון זעקס שולן.

פאר מנחה מעריב איז דא טעגליך דריי שולן וואס זענען אפן, דאס איז די האשקי שול, ירושלים שול, און ליקוטי מוהר"ן ביים נייעם געגנט אין די ווילעדזש.

דאס שטעטל פארמאגט מקוואות טהרה, א גרויסן תלמוד תורה און א מיידל שולע וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט יראת שמים און מידות טובות, א ישיבה פאר די בחורים, א כולל פאר די אינגעלייט, א אינגל קעמפ, א מיידל קעמפ און א קאנטרי פאר שטאטישע משפחות.

א גרויסע בית הדפוס מיט'ן מכון "עצתו אמונה", א מהודר'דיגע מצה בעקעריי, א בית הוראה בראשות פונעם דיין שליט"א, א

**גרשון קרעמער**

קאמפיוטער קיאסק, א וועד הכשרות.

דאס שטעטל פארמאגט אן עירוב וואס ציעט זיך מיילן לאנג, וואו געטרייע מלמדים געבן זיך אוועק יעדע וואך עס איבערצוקוקן און בודק צו זיין, און א בית השחיטה מיט פיר אויסגעצייכענטע שוחטים יראי ה'.

אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען העפטיג צו אפקויפן פרישע בנינים פאר'ן חדר און פאר די מיידל שולע, אויך ארבעט מען אויף צו קענען גרינדן א בית החיים.

דער חסד וואס טוט זיך אפ אין שטעטל איז אין לשער ואין לתאר; כמעט יעדער איינער אין שטעטל נעמט אן אקטיווע טייל אין איינע פון די פילע וואלונטיר ארגאניזאציעס.

למשל, "ביקור חולים" שיקט טעגליך פרישטאג און נאכטמאל פאר קימפעטארינס און אנדערע נויטבאדערפטיגע; "הצלה" פארמאגט צענדליגער וואלונטירן און פאראמעדיקס וואס לויפן כסדר אויף הצלת נפשות קאלס.

די פייער דיפארטמענט פארמאגט היימישע וואלונטירן; און פילע "חברים" און "חביבים" מעמבערס געבן כסדר אוועק צענדליגער שעות צו העלפן א איד אין נויט.

דער "בית התבשיל" פארמאגט פילע וואלונטירן וואס זענען מסדר די וועכנטליכע חלוקות פון עסן בחנם, ווי אויך קמחא דפסחא און תומכי שבת פאר יעדן וואס דארף.

פילע פרויען געבן אוועק צענדליגער שעות וועכנטליך פאר די באזאר וואו מען פארקויפט אלעס כמעט בחנם, אדער צו העלפן אינעם קימפעטארין היים.

אינגעלייט געבן זיך אפ צו שרייבן פארן "בלעטל" , כדי דער עולם זאל האבן ערליכע לייען מאטריאל פאר מענער, פרויען און קינדער.

פון א גשמיות'דיגן בליק פארמאגט דאס שטעטל א גוט אהערגעשטעלטע שאטל סערוויס צו טראגן מענטשן פון איין געגנט צום צווייטן.

די אינגעלייט און בעלי בתים שטעלן זיך אויך ב"ה גוט אוועק מיט פרנסות; דאס שטעטל פארמאגט פילע געשעפטן פאר אלע געברויכן, פון ספרים, קליידער און שפילצייגן, ביז א גרויסן סופערמארקעט און נאך.

אזוי אויך טוען פילע אינעם קאנסטראקשן ליין, און עס זענען דא פילע האלסעיל און סערוויס ביזנעסער.

ווער רעדט נאך פון די ימים טובים און די געהויבענע טעג אין שטעטל, ווען דער ראש ישיבה שליט"א קומט ארויס און מען לעבט ממש מעין עולם הבא.

מען הערט זיך צו צום ראש ישיבה וואס דערמאנט כסדר אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן, און נאר אויב מען לעבט מיט אמונה קען מען האבן א זיס און געשמאק לעבן דא אויף דער וועלט.

אנגעהויבן פון די זומער טעג ווען דער ראש ישיבה שליט"א געפינט זיך אין שטעטל און מען איז נהנה פון די שיינע שיעורים יעדן טאג און יעדן שבת, און דערנאך די געהויבענע ימים טובים ווי סוכות, חנוכה, פסח, ל"ג בעומר און שבועות - וואס מען דארף גארנישט מסביר זיין וואס דאס מיינט א יום טוב במחיצת פונעם ראש ישיבה. און אזוי ווייטער יעדע שיינע שבת וואס דער ראש ישיבה שליט"א קומט ארויס אין שטעטל.

דער עיקר פונעם שטעטל איז נישט די כמות, נאר די איכות. אינגעלייט, בחורים, קינדער, פרויען און מיידלעך לעבן אלע מיט א תכלית; זיי לעבן מיט א ציל צו דינען דעם אייבערשטן און נאר אים צו געפעלן.

מען געדענקט אז כדי צו האבן א גוט לעבן דארף מען אויפבויען א גוטע רילעישאנשיפ מיט'ן אייבערשטן, ווייל אויב מען האט א גוטע קאנעקשאן איז מען א געהאלפענער. אויף דעם וועג וועט מען בעז"ה ווייטער גיין ביז משיח צדקינו.

**אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה.**

# אידנו

## די מארקעט פרייז

מיטן אייבערשטנ'ס הילף צייכענען מיר אפ אין די טעג גאנצע זיבן יאר פון ווען מען האט אנגעהויבן בויען דעם שטעטל "קרית ברסלב ליבערטי".

ווי באקאנט, אין די לעצטע זיבן יאר איז די הנהלת הקהילה געשטאנען צו די רעכטע האנט פון אלע שטעטל איינוואוינער, און געהאלפן מיט יעדן פרט וואס די שטעטל האט נאר געדארפט. עס איז נישטא די פלאץ אויסצורעכענען די סערוויסעס וואס די קהילה שטעלט אלס צו פאר די חשובע משפחות וואס וואוינען דא.

איינס פון די זאכן אויף וואס די הנהלה איז געשטעלט, איז זיכער צו מאכן אז די פרייזן פון דירות זאלן נישט ארויפגיין, וואס דאס איז א זאך וואס פאסירט נאטורליך אין יעדן געגענט וואו פרומע אידן קומען זיך באזעצן.

ברוך השם אז אין די פארגאנגענע זיבן יאר, ווי מען קען אליינס זען, זענען די פרייזן דא אין שטעטל, סיי צו קויפן הייזער און סיי צו דינגען דירות זענען נישט ארויס פון קאנטראל.

יעצט ווילן מיר נאכאמאל בעטן און דערמאנען, "עס איז בשום אופן נישט ערלויבט צו דינגען אדער פארדינגען, קויפן אדער פארקויפן א דירה אן די הנהלה."

קויפן אדער דינגען אן די הנהלה קען מאכן זייער אסאך שאדן פאר די גאנצע קהילה מיט פרייזן און פארשידענע אנדערע זאכן.

אזוי ווי עס איז פארמערט געווארן די ארבעט פון די קהילה, האט די הנהלה איבערגעגעבן פאר חבר הנהלה מו"ה משה ראזענבערג הי"ו די ארבעט פון דינגען און פארדינגען דירות. ווער עס וויל דינגען א דירה זאל זיך ווענדן צו אים.

צו קויפן אדער פארקויפן א הויז דא אין שטעטל, קען מען זיך ווענדן צום חבר הנהלה מו"ה העניך אינדיג הי"ו.

## M&T באנק פארשליסט

עס איז וויכטיג פאר אלע איינוואוינער אין שטעטל צו נעמען אין באטראכט אז די M&T באנק אויפן 52 קארנער אלד מאנטיסעלא, שליסט די טויערן פון די ליבערטי און מאנטיסעלא לאקאציעס אין עטליכע וואכן ארום.

עס איז וויכטיג אויב מען האט א סעיפטי דעפאזיט באקס, צו גיין ארויסנעמען סיי וואס מען האט דארט בעפאר זיי מאכן צו, אזוי אויך אויב מען וויל צומאכן די אקאונט צוליב דעם וואס זיי מופן, אז מען זאל עס טון ווי פריער.

די M&T באנק ווערט נישט פארמאכט אינגאנצן, בלויז זייערע באנק לאקאציעס אין די קעטסקילס. דאס מיינט אז אויב איר האט א באנק אקאונט וועט דאס ווייטער זיין אפן אזוי ווי ביז יעצט, סיי אנליין און סיי ביי אנדערע M&T ברענטשעס.

## נייע עירוב

נייעס/אמ

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**

## פרשת בהעלותך
## כ"א סיון

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 08:11 |
| מוצאי שבת | 09:43 |

**מנחה**
**מעריב**
**פרשת בהעלותך**
**09:27**

**זמנים לשבת קודש**

## טוי באוט ווארטאל



M&T באנק אין ליבערטי




M&T באנק אין מאנטיסעלאו
פארנט פון האום דיפאוי



די געטרייע בודקים ביים פאררעכטן די עירוב

**נייעס'לעך**

ווי די איינוואוינער אין שטעטל האלטן מיט, ארבעט די הנהלה פיבערהאפטיג צו אהערשטעלן א נייע עירוב ביים נייעם געגענט אין שטעטל. עס גייט אריין דערין אסאך קאפ און מח דאס אהערצושטעלן, עס איז א גרויסע אינטערנעמונג, אבער עס צאלט זיך אויס צום סוף.

עס איז דא יעצט אן איינמאליגע געלעגנהייט צו האבן א זכות אין די גרויסע מצוה פון בויען אן עירוב, וואס ווי באקאנט האט עס אין זיך געוואלדיגע סגולות, בפרט פאר קינדער און ערליכע קינדער. צו הערן מער איבער דעם קען מען זיך פארבינדן מיט מו"ה נח הערש ווייס הי"ו.


UPSTATE CONSTRUCTION
Your Summer House Specialists
FRAMING
DECKING
ROOFING
FLOORING
PAINTING
SHEETROCK
ELECTRICAL
WINDOWS & DOORS
REPAIRS & MORE
BIG OR SMALL – WE DO IT ALL
IT'S JUST A PHONE CALL AWAY
845-650-9728

רענט קאמפיין

מוסדות היכל הקודש ברסלב באה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה נחום ברילל הי"ו

# מו"ה אליעזר שמן הי"ו

# מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו

פארן מנדב זיין

פרנס החודש סיון

annex

loop PLUMBING

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

# א ווארט צווייי

זאצן וואס
פארדינען
שטרעכלעך

בערל שניצלער

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו: avorttzvei@bletelmagazine.com

## עפל פאלט נישט ווייט פון בלעטל

"כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים", די אידן זענען צוגעגליכן ווי די עפל פון בוים, פארוואס פונקט אן עפל? ווייל די סדר וויאזוי עס וואקסט איז אז קודם דארף מען האבן דעם בלעטל, נאכדעם זעט מען די פרי. און צו דעם זענען מיר צוגעגליכן, ווען א מענטש וויל זען שיינע פירות, בגשמיות וברוחניות, דארף ער קודם צוקומען צום "בלעטל" פון רביין, וועט ער זען די פרות נאכפאלגן."

דיין שליט"א אין א שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש אין בארא פארק יצ"ו

גוטזאגער

## "טייל מאל איז די סיבה פארוואס מען שטעלט אריין א משגיח ארבעטן אין ישיבה, צו ווייזן פאר די בחורים וואס געשעטן ווען מען לערנט נישט."

## א געהאלפענער

"הלכתי לטערעפי ונושעתי. צו הערן די גאנצע סטארי רופט 212.444.9191 "1,4,8,47

אן עד געטראפן אין "קול הציבור" אריינגעלייגט בעילום שמו, ווי ער אנאנסירט די קרעמל פון ר' ווואלווי שטערן מיט סארקאזם

## צוויי סארט מעכטיג

"עס איז דא צוויי סארט מעכטיג, עס איז דא מעכטיג ביי די קינדער, ביי די קטנות המוחין, און נאכדעם איז דא עכט מעכטיג, מעכטיג אין הימל, מעכטיג מיט יראת שמים."

פון א בריוו אין עצתו אמונה פאריגע וואך

פריערדיגע

## "א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט און לעבט דא פאר זיבעציג אכציג יאר - נאר כדי א טובה טון פאר א צווייטן איד"

- דער היילגער בעל התניא,
בשם זיין רבי'ן דער היילגער מגיד פון מעזריטש, בשם דער היילגער בעל שם טוב זי"ע

א ווארט צוויי פונעם ראש ישיבה שליט"א:

## שלום בית נאר מיט א צדיק

"א נארמאלער מענטש קומט אז ער זאל זיך גט'ן, א חסר דעה לייגט זיך אויפן שכל ער זאל בלייבן חתונה געהאט. חוץ - אויב מ'האט א צדיק קען עס ארבעטן, קען מען האבן שלום בית."

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שיעור סיפורי מעשיות פאראנגענעם שב"ק נשא

## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, ליינען צוגעשטעלט. walk in

**רופט 347-731-3144**

## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאן

**רופט 917-501-5100**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347-786-1767**







## דירה פארן זומער

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו פארדינגען פארן זוממער.

**רופט לייבי ראטה**

**347-578-4449**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן זוממער.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און געשמאקע דיינעג רום.

**רופט ליפא שווארץ**

**917-541-1197**

## פריוואטע דירה צו פארדינגען

א הערליכע ניי פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן זוממער.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, א גרויסע קאך און דיינעג רום.

**רופט בערל לעווי**

**845-238-0804**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה יצחק אפפעלבוים הי"ו

וזוגתו דינה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו

וזוגתו חיה יוטא תחי'

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# וועלטעלע

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער




## געזעץ צו מאכן זומער-זייגער פערמענאנט ווערט פאראויסגערוקט אין קאנגרעס

כמעט יעדער אין אמעריקע איז שוין מיד פון רוקן די זייגערס יעדע האלבע יאר. אסאך רעדן זיך אפ אז יעדעס מאל מען רוקט דעם זייגער, נעמט עס זיי כאטש עטליכע טעג ביז זיי געוואוינען זיך צו צום נייעם זייגער, און דורכאויס די צייט שפירן זיי זיך מיד און אפגעמוטשעט.

די שאלה ביי די געזעצגעבער איז אבער שטענדיג געווען וועלכע זייגער מען זאל אנהאלטן און וועלכע מען זאל אפשאפן.

יעצט איז ווידער ארויפגעקומען א געזעץ-פארשלאג אין קאנגרעס צו מאכן דעם זומער-זייגער פערמענאנט. דער פארשלאג איז דורכגעגאנגען גאר שטארק אין די קאמיטע מיט א מערהייט פון 48 קעגן 1. כאטש עס זענען שוין געווען ענליכע פארשלאגן אין די פארגאנגענהייט וואס האבן זיך אפגעשטעלט אינמיטן וועג, זאגן מאנכע אז דאס מאל האט עס א בעסערע שאנס דורכצוגיין; הויפטזעכליך צוליב דעם וואס פרעזידענט טראמפ האט אויסגעדרוקט גאר שטארקע שטיצע פארן ביל, און געזאגט אז ער וועט ארבעטן גאר שווער אז דער געזעץ זאל דורכגיין.

אין אלגעמיין איז דא א שטיצע פאר'ן זומער זייגער, בעיקר צוליב וואס דאס וועט אויסציען די נאכט; אינדערפרי' וועט עס איינרעדן דעם מענטש אז עס איז שוין זיבן אזייגער בשעת עס איז נאך זעקס, און אזוי ווי דער טאג הייבט זיך אן פרי, האט מען א לאנגן נאכמיטאג וואס מען קען אויסנוצן.

אבער ביי אונז אידישע קינדער, וואס זוכן איין זאך - צו דינען דעם אייבערשטן - איז דאס ציל אינגאנצן עפעס אנדערש. די ערשטע זאך אינדערפרי' - זאגט דער הייליגער רבי' - איז גיין דאווענען. עס איז נישטא עפעס וויכטיגער צו ערלעדיגן אינדערפרי', נישט קיין חילוק צי מען איז יא גרייט אדער נישט. גיי דאווענען! אויב מען שטופט עס אפ, וועסטו זיך באלד טרעפן נאכמיטאג און האסט חלילה פארפאסט א שחרית. די זעלבע זאך איז מיט מנחה און מעריב: גיי אין שול דאווענען.

מאנכע ברענגען ארויף אן אישו אז אויב מען וועט לאזן דעם גערוקטן זייגער אום ווינטער, וועט אויסקומען אז דער ערשטער מנין שחרית אין ווינטער וועט זיין זייער שפעט. בפרט ווען מען דארף גיין ארבעטן, און מען דארף זיך באווייזן ביי די ארבעט זיבן אזייגער אדער אפילו ניין אזייגער, איז דא שטעט אין אמעריקע וואו דער נץ וועט נישט זיין פאר אכט אדער אכט-דרייסיג אינמיטן ווינטער, וואס דאס וועט זיין זייער שווער פאר ערליכע אידן איבער אמעריקע צו דאווענען שחרית כהלכה.

ביי אונז אבער וועט דער זייגער נישט דיקטירן; זיי קענען רוקן דעם זייגער וויאזוי זיי ווילן, מיר וועלן זיך ווייטער מוסר נפש זיין צו טון דעם רצון השם, און מען וועט ווייטער בעטן דעם אייבערשטן צו קענען דאווענען אלע תפילות מיט א מנין אין בית המדרש, און דער אייבערשטער וועט זיכער מקבל זיין אונזערע תפילות לרחמים ולרצון.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## באבל פון א ברי

שאלה

א גוטן ר' גרשון קרעמער,

ביטע מסביר זיין: ווען איך באקום א ברי, פארוואס ווערט דארט א באבל אויף די הויט? וויאזוי געשעט דאס?
יישר כח

ברוך מ.

ענטפער

זייער א גוטע שאלה האסטו געפרעגט, ברוך.

ווי דו פארשטייסט אליין, איז עס זיכער א גוטע זאך. יעדע זאך וואס דער באשעפער טוט איז פאר א גוטע סיבה. מיר וועלן פרובירן צו זען וואס פארא גוטס עס ליגט אין דעם וואס מען באקומט א באבל ווען מען כאפט ח"ו א ברי; דאס וועט אונז לאזן שטיין פארוואונדערט זענדיג די חסדים און וואונדער פונעם באשעפער, אז עס וועט זיך אליין ארויסשרייען: "מה רבו מעשיך ה', כולם בחכמה עשית".

"אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" - עס איז נישטא קיין צופאל, קיין דורכפאל, אדער "איך בין א שלימזל". מען דארף טאקע זיין פארזיכטיג, ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן, אבער אויב נאכ'ן זיין פארזיכטיג האסטו נישט באמערקט דעם הייסן טעלער און דו האסט זיך אפגעבריט דעם פינגער - "אוי, עס טוט וויי!" - איז די ערשטע זאך וואס מען זאגט "גם זו לטובה". דערנאך באמערקסטו ווי עס וואקסט ארויס א באבל; אוי וויי, אבער דאס איז אויך לטובה.

דער אייבערשטער האט אזוי אויסגעשטעלט, אז ווען די אויבערשטע שיכט פון די הויט ווערט געשעדיגט דורך א ברי, טוט זיך א גאנצע איבערקערניש. די הויט איז נישט בלויז איין שיכט ווי עס זעט אונז אויס אויבערפלעכליך, נאר עס פארמאגט עטליכע שיכטן (לעיערס). די ערשטע זאך טיילט זיך אפ די געשעדיגטע שיכט פון די אונטערשטע שיכט, און עס קומט צו פליסן פלאַזמא וואס שטעלט זיך אריין צווישן די צוויי שיכטן; דאס איז דער בלעזל (באבל) וואס מיר זעען. דער באבל איז א געוואלדיגע טובה נאך א ברי. די אינערליכע שיכט פונעם הויט איז פיל מער האקל און איידל, און אויב די אויבערשטע שיכט איז געשעדיגט, קען זיך גרינג אריינכאפן שמוץ און באקטעריעס, אדער מען קען זיך סתם אזוי גרינג צורייבן. דער באבל דינט אלס א צייטווייליגער "קושן" צווישן די צוויי שיכטן, און פארמיידט אזוי בסייעתא דשמיא אינפעקציעס. שטודיעס ווייזן אז אויב מען לאזט דעם באבל במנוחה, היילט זיך די הויט אסאך שנעלער און בעסער.

אויב מען כאפט א ברי - מען איז חס ושלום דורכגעפאלן מיט א שלעכטע קוק אדער א שלעכטע מעשה - דארף מען שנעל אפטיילן די צוויי שיכטן. מען דארף נעמען א "קושן" און עס לייגן אינצווישן, זאגנדיג: "אייבערשטער, עס איז נישט איך! איך וויל זיין גוט, העלף מיר, אן דיר קען איך גארנישט". אויב מען נעמט אן דעם עצה, וועט מען זיך אסאך שנעלער און בעסער אויסהיילן בסייעתא דשמיא.

# מעשיות פון תפילה



**ברוך נויסבוים** בני ברק

שוין א לאנגע צייט וואס איך האב געהאט א חשק צו פארן צום הייליגן ציון פון דעם בכור השבטים, ראובן בן יעקב אבינו עליו השלום. איך בין שוין זייער אסאך מאל געווען אין יענעם געגנט, נאר וואס דען, אפילו אויב מען געפינט זיך שוין ממש דארט, איז זייער שווער אנצוקומען צום פלאץ.

די ציון געפינט זיך נעבן די שטאט ראשון לציון, אין א פלאץ וואס ווערט גערופן חולות פלמחים. אבער דער רבי לערנט אונז אויס, אז וואס מער שווער א זאך איז, אלס מער חשק ברענגט דאס; דעריבער האב איך געהאט א שטארקע תשוקה צו פארן אהין, בפרט נאך וואס איך האב גערעדט מיט עטליכע מענטשן וואס האבן געזאגט אז ווער עס קען נישט דעם פלאץ, וועט עס זייער שווער טרעפן.

אבער מיר ווייסן דאך אז מיט תפילות קען מען אלעס טרעפן און פועל'ן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אהין פארן און עס טרעפן.

למעשה, א פאר טעג נאך יום טוב שבועות, אינמיטן טאג, האט זיך מיר געמאכט א געלעגנהייט צו פארן. האב איך גערופן אונזער טייערן חבר מו"ה שלמה זאלדאן הי"ו - וועלכער איז אויסער זיינע אלע גרויסע מעלות אויך א זייער גוטער און געלונגענער דרייווער - צי ער קען מיך אהין טראגן. מיר זענען ארויסגעפארן לויט ווי די "וועיז" (Waze) און די מאפעס האבן געוויזן, און נאך בערך א האלבע שעה פארן פון בני ברק, זענען מיר אנגעקומען צו א פלאץ וואו די גאס איז שוין נישט געווען נארמאל. מיר האבן געפארן ביז וואו מען האט נאר געקענט און דארט געפארקט דעם קאר, און מיר האבן אנגעהויבן צו גיין צופוס. למעשה,

נאך אפאר מינוט גיין, קומען מיר אן אונטער א בריק, און ס'איז דא וואסער וואס מען קען נישט אריבערגיין. דער מאפע ווייזט אז דער וועג איז נאר דארטן, האבן מיר שטארק אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: וואס זאל מען יעצט טוהן? מיר האבן פרובירט פון דא און פון דארט, אבער למעשה איז נישט געווען קיין נארמאלע וועג. דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט א מחשבה צו רופן אונזער טייערן חבר מו"ה ישראל דוד ברוקמאן הי"ו, וועלכער איז איינער פון די גרויסע מומחים אין די נושא פון קברי צדיקים אין ארץ ישראל און איבעראל. ער האט גלייך געכאפט וואו מיר געפינען זיך, און ער האט פרובירט אונז צו שיקן אן אנדערע וועג וואס מיר זאלן אריינשרייבן אין די מאפעס. זענען מיר צוריק צום קאר און געפארן אהין, און ווייטער אנגעהויבן צו גיין.

דאס פלאץ האט שוין יא געשטימט מיט וואס איך האב געהאט געהערט פריער, אז דאס איז א ריזיג פלאץ פול מיט הויכע זאמד, אזוי ווי עס געפינט זיך ביים ים, און ס'איז דא דארט אזעלכע בערגעלעך אז מען קען נישט זען וואס עס טוט זיך ווייטער. האבן מיר געמאכט א תפילה און אנגעהויבן גיין.

מיר גייען אפאר גוטע מינוט, אפשר צוואנציג מינוט, און מען זעט נאך גארנישט. מיר האבן אנגעהויבן טראכטן: אפשר האבן מיר געהאט א טעות און זיך ארייגעבלאנדזשעט? און אפשר גאר גייען מיר אוועק פונעם פלאץ? מיר בעטן דעם אייבערשטן נאך און נאך, מיר קריכן אויף נאך א בערגעלע און נאך איינס, נאך א תפילה און נאך א תפילה. שכח אייבערשטער! נאך א פאר מינוט און מיר זעען פון דערווייטנס א גרויסע חורבה וואס איז אריינגעזונקען אין די ערד, ממילא איז עס נאך שווער צו זען פון דער ווייטן. מיר קומען נענטער און נענטער ביז מיר זעען דעם ציון.

ברוך השם מיר האבן זוכה געווען צו דאווענען דארט מיט א גרויסע שמחה, זיך מתבודד געווען, און געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר האבן געטראפן דעם פלאץ. דערנאך האבן מיר געמאכט דעם וועג צוריק. אויף צוריק איז שוין געווען שנעלער, אבער למעשה איז די צייט שוין געווארן אביסל שמאל, און "וועיז" זאגט אז עס זענען דא גרויסע טרעפיקס פון די נאכמיטאג שעות אויפן וועג.

מיר האבן אנגעהויבן פארן און געבעטן דעם אייבערשטן אז דער וועג זאל גיין שנעל, און שכח אייבערשטער, מיר זענען אנגעקומען באצייטנס צוריק קיין בני ברק.

שכח אייבערשטער, מען זאל האבן געפויעלט אלעס גוטס.

**יצחק אייזיק ראזענבוים** | קרית יואל

איך האב געוואלט כאפן די באס צו גיין צו א שמחה, אבער למעשה האב איך עס פארפאסט מיט אפאר פאר מינוט.

בין איך צוריקגעגאנגען אהיים, און דארט האב איך באמערקט אז איך האב פארגעסן מיטצונעמען הפצה קארטלעך, האב איך מיר אריינגעלייגט אין טאש א שיינע צאל קארטלעך.

דערנאך בין איך נאכאמאל ארויס און זיך געשטעלט ביים היטש-פלאץ, בעטנדיג פונעם אייבערשטן צו כאפן א היטש. אזוי שטיי איך דארט און איך ווארט אז איינער זאל זיך אפשטעלן.

אינמיטן שטעלט זיך אפ א קאר און יענער זאגט מיר אז ער פארט טאקע אהין וואו איך דארף אנקומען. פארן אנקומען צום פלאץ וואו איך האב געוואלט אראפגיין, רופט אים איינער אן און זאגט אים אז ער ווארט אויף אים ביי א געוויסע גאס, וואס איז בכלל נישט געווען אין יענע געגנט וואו ער האט זיך יעצט געפונען.

וואס עס האט זיך ארויסגעשטעלט איז, אז דער אינגערמאן האט בטעות געמיינט אז ער דארף פארן אין דעם געגנט, און דאס איז אלעס געווען נאר ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג. נאכדעם וואס ער האט שוין געטון זיין שליחות מיר אראפצולייגן וואו איך האב געדארפט, האט ער שוין געקענט פארן ווייטער אהין וואו ער האט באמת געוואלט אנקומען פאר זיינע פריוואטע ענינים.

שכח אייבערשטער!

**מנשה איצקאוויטש** | בארא פארק

שכח אייבערשטער פארן הערליכן יום טוב שבועות אין שטעטל וואס איך האב געהאט די זכי' מיטצוהאלטן.

מיטל נאכט בין איך געגאנגען דאווענען אין בית המדרש "אשר בנחל", איך קום אן און איך זע אז קיינער איז נישט דארט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ווערן א מנין, און אזוי ביסלעכווייז איז אנגעקומען נאך איינער און נאך איינער, ביז צום סוף איז ברוך השם געווען צען מענטשן און מ'האט געקענט דאווענען מנחה פארן זמן.

# אומאן איז שוין אינטערן טיר



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן**

לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם אַזוֹי צֶעמִישְׁט וְכוּ', אָנְגֶעפּוּלְט מִיט סְפֵיקוֹת אוּן יֶעדֶע רֶגַע ווִילְסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ - דָאס קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): **"מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן"**, פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? **"אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת"**, דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה דַאן אִיז עֶר אַ פְרַייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הֵייבּ אָן קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. וֶוען דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס פַאר אַ צָרוֹת עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי גֶעקְרֶעכְצְט; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן נֶעבֶּעךְ יְסוּרִים, אַזוֹיפִיל קִינְדֶער לִיגְן אִין שְׁפִּיטָעלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וֶוען דוּ וָואלְסְט אַרַיין גֶעטְרַאכְט אִין דֶעם וָואלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה בהעלותך תשע"ט**

גֶעכַאפְּט אַ טֶענְצְל צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ מִקָאצְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה פוּן כַּעַס, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ וַוארְטְן אִין אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע צִימֶער בִּיז עֶר וֶועט אִים אַרַיין רוּפְן. בִּיז דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אִינֶעם אָנְוֶועזְנְהַייט פוּנֶעם חָסִיד אַז עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם חָסִיד. אַזוֹי הָאט דֶער גַבַּאי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן 'בְּטָעוּת' אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַ קַאוֶוע, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד אָנְגֶערוּפְן צוּם גַבַּאי: "סְ'אִיז גוּט, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט". נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער גַבַּאי אָנְגֶעטְרָאטְן אוֹיפְן פִּיס אוּן זִיךְ ווִידֶער אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גַבַּאי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ קַיין אֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם חָסִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט מִיט דַיין כַּעַס, דֶער גַבַּאי הָאט דִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן דוּ רֶעגְסְט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיף", הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם אֶמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט פַארְ'ן גַבַּאי אַז עֶר זָאל מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען אִיךְ וַוייס אַז מֶען פְּרוּבִּירְט מִיר יֶעצְט אוֹיס'".

הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אָט דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען פְּרוּבִּירְט יֶעצְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ', וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעגְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן וָואלְסְטוּ זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט"; דַארְפְסְטוּ דָאס אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר כְּדַאי דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף וְכוּ' אוּן קֵיינֶער קוּמְט דִיר נִישְׁט וְכוּ', נָאר וָואס דוּ הָאסְט אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דֶעם וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֶעצְטֶע שִׁיעוּר דָא אִין שְׁטָאט בִּיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָּארְן מִיר אִין קָאנְטְרִי וֵוייל צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן דִי בֵּיימֶער. אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיף דִי צֶען וָואכְן פוּן זוּמְמֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "**עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי**"; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען מָארְגְן בַּיים שִׁיעוּר אוּן אוֹיךְ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמְמֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִיט אַ בִּילְד פוּן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חַבּוּרָה. אֱמֶת טַאקֶע דֶער עִיקֶר אִיז זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד): "**יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶער עִיקֶר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**"; אָבֶּער עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אַ פְּלַאץ אָן אַלְקָאהָאל אוּן אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם שׁוֹין אַ בֶּעט וַוייל דָאס יָאר וֶועט מֶען נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן מֶער ווִי אַכְט בֶּעטְן אִין אַ צִימֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**



# פְּשָׁרָה'לָאז

***א י ן***
***קורצן פון פריער:*** *ר׳ יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ׳א גאסן פון אמעריקע.*

*ער מאכט חתונה די קינדער יונג און נאר צו ערליכע בחורים.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. און יעדן ערליכן איד וואס איז געקומען קיין אמעריקע.*

*ער לערנט מיט די קינדעלעך אידישקייט און הלכות נאכן לערנען אין סקול.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

איין טאג האט זיך א טייערע מאדעל קאר אפגעשטעלט פארנט פון די הערמאן משפחה׳ס הויז. א רייכע אבער צעהיצטע דאקטער איז ארויסגעשפרינגען פון קאר און ארויפגעלאפן די שטיגן.

״וואו איז מר. הערמאן?״ האט ער געשריגן.

ווען רבי יעקב יוסף האט געהערט די בהלה איז ער ארויסגעקומען. ״וואס גייט פאר?״ האט ער זיך אינטערעסירט.

״מ י י ן
זון איז אינגאנצן צעדרייט געווארן,״ האט ער געשריגן מיט כעס, ״ער צוברעכט אלע כלים אינדערהיים, ווייל ער טענה׳ט אז עס איז טריפה. ער זאגט אז דו האסט אים אזוי געהייסן! איך גיי דיר שיסן!״

בשעת ער האט ארויסגעזאגט די ווערטער, האט ער ארויסגעצויגן א רעוואלווער פון זיין טאש און עס געצילט אויף רבי יעקב יוסף.

רבי יעקב יוסף האט זיך אבער נישט דערשראקן; ער האט געעפנט דעם קנעפל פון זיין העמד און געזאגט: ״נו, שיס!״

דער דאקטער איז געווארן דערשיטערט פון די רעאקציע; ער האט אנגעהויבן ציטערן און טרייסלען, ביז ער איז איינגעפאלן אין א בענקל דערנעבן.

מרת הערמאן האט אים געברענגט עפעס צו טרינקען זיך צו בארואיגן און קומען צו זיך.

דער דאקטער האט שפעטער געזאגט: ״איך האב נאך קיינמאל נישט געזען אזא בראווען מענטש ווי רבי יעקב יוסף. עס איז קיין וואונדער נישט אז ער פארכאפט

ד י
הערצער פון די קינדער.״

**זיין ווייטגרייכנדע השפעה**

רבי יעקב יוסף האט געמיינט אלעס וואס ער האט געטון כלו לשם שמים, און אז א מענטש מיינט עס אמת׳דיג איז עס כמים פנים אל פנים.

מערערע מאל האבן זיך מענטשן אין זיין אנוועזנהייט אויפגעפירט מיט מער יראת שמים און ערליכקייט, ווייל זיי האבן רעספעקטירט זיין בראווקייט צו שטיין אליינס אין א קאמף פאר׳ן באשעפער.

זיין זון נחום דוד האט אמאל דערציילט, אז אלס קינד איז ער אמאל געווארן געלאדנט צו א מסיבה אינאיינעם מיט זיין טאטן. ער איז געווען א יונג קינד און איז געלאפן פאראויס.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין זאל, האבן אים עטליכע דערקענט אלס ״יעקב יוסף׳ס זון״ און א בהלה איז אויסגעבראכן אין זאל.

״חברה, יעקב יוסף (אדער דזשעי. דזשעי. ווי געוויסע אמעריקאנער האבן אים גערופן) קומט שוין! א קאפל? א קאפל?״ דער עולם איז געלאפן ברענגען די קאפלעך פון די טאשן און זיי אנגעטון. ווען רבי יעקב יוסף איז אריינגעקומען אין




זאל, זענען זיי שוין אלע געזעסן מיט פארדעקטע קעפ.

נישט אומזיסט שטייט, אז ווען די תלמידים האבן געזען אז זייער גרויסער רבי, רבי יוחנן, האלט ביים גיין פון די וועלט, האבן זיי אים געבעטן: "רבינו ברכנו" (רבי, בענטש אונז). האט רבי יוחנן זיי געבענטשט: "יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם". האבן די תלמידים געפרעגט מיט וואונדער: "עד כאן?" (נאר ביז אהער?). אמר להם: "ולואי! תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם". ער האט זיי געענטפערט: "הלוואי... ווייל ווען א מענטש זינדיגט זאגט ער: איך האף אז קיין שום מענטש זעט מיך נישט..."

מיט זיין געוואלדיגן כח השפעה פלעגט ער איבערערדן פילע משפחות וועלכע זענען געקומען פון אייראפע און זיך באזעצט צוליב ביזנעס אין איינע פון די שטעט.

ער פלעגט זיך בעטן ביי זיי און זיי איבערערדן אז זיי זאלן קומען וואוינען קיין ניו יארק, וואו זיי וועלן האבן א אידישע סביבה און קענען געבן א אידישן חינוך פאר זייערע קינדער.

פילע משפחות האבן זיך צוגעהערט צו זיין ריכטיגער דעת תורה און האבן אזוי זוכה געווען אפצוראטעווען זייערע דורות פון פארשוועמט ווערן אין דעם אמעריקאנעם שמעלץ-טאפ.

**אין קאמף פאר קדושת שבת**

איין שבת נאכמיטאג, ווען רבי יעקב יוסף איז געווען אויפ'ן וועג אהיים פון שול, איז ער אריבער די 'פייק סטריט' שול. ער איז געווארן שאקירט און צושטורעמט זעענדיג ווי ביים טיר פון שול שטייט איינער און פארקויפט טיקעטס (פאר געלט ליידער), אריינצוגיין אין שול צו הערן דעם חזן.

זייענדיג א רעספעקטירטער מאן אין שטאט, האט רבי יעקב יוסף זיך געוואנדן צום אריינגאנג. דער שומר האט אים נישט געוואלט אריינלאזן ביז ער באצאלט רח"ל.

רבי יעקב יוסף האט זיך נישט דערשראקן און פארלאנגט פונעם שומר ער זאל רופן דעם פרעזידענט פון שול. ווען דער פרעזידענט איז צוגעקומען צום טיר און דערזען רבי יעקב יוסף, האט ער גלייך געגעבן זיין הסכמה אז ער קען אריינקומען. ווען ער וואלט אבער געוואוסט די כוונות פון רבי יעקב יוסף, וואלט ער נישט אזוי שנעל צוגעשטימט.

רבי יעקב יוסף איז אריינגעקומען אינעווייניג אין שול בשעת דער חזן האט געהאלטן אינמיטן איינע פון זיינע מייסטערהאפטיגע שטיקלעך.

ער האט רואיג געווארט ביז דער חזן האט זיך אפגעשטעלט זיך אפצורוען צווישן איין שטיקל און דעם צווייטן.

און דאן, מיט א עזות דקדושה, איז ער ארויפגעלאפן אויפ'ן בימה און אויסגעשריגן: "עטס ווילטסט מאכן געלט פאר'ן שול אז די שול זאל קענען אנגיין דורך מחלל שבת זיין? ענדערש זאלט איר פארשליסן דעם שול!!"

מער האט נישט אויסגעפעלט. די חשוב'ע אנשי הקהל זענען שרעקליך פארשעמט און אויפגעהיצט געווארן.

אויך דער חזן איז אויפגעברויזט געווארן און האט זיך אנטזאגט פון ווייטער דאווענען פאר'ן עמוד.

דאס דאווענען איז טאקע צושטערט געווארן, אבער רבי יעקב יוסף האט אויסגעפירט און מען האט מער קיין טיקעטס נישט פארקויפט.

טייל האבן אים נאכגעשריגן און באזידלט, אבער רבי יעקב יוסף איז אנגעגאנגען מיט א שטארקייט. ער האט געוואוסט אז ער דארף אפגעבן א דין וחשבון נאר פאר איינעם - פאר'ן "בעל הבית", פאר'ן אייבערשטן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

POWERED BY:
אנשי חיל



# מיין לעבנס-געשיכטע האט זיך געטוישט

צייט צו טוישן די קומענדיגע

אנשי שלומינו זענען אנטשלאסן ווידעראמאל אריינצוטאנצן אינעם היי-יאריגן קאמפיין, פאר די פלאץ וואס האט געניצליך איבערגעשריבן 'מיין לעבנסגעשיכטע' - און נאך אסאך אנדערע לעבנסגעשיכטעס אינעם עתיד.



י״ד - ט״ז אב

די דאטום ווען דיין 'לעבנסגעשיכטע' וועט אנהייבן אינספערירן.

# לעבנסגעשיכטע



# אביסל
# פון אלעס

# ארײנפיר

מען דארף נישט זאגן פאר אנשי שלומינו וואס קול ברסלב איז. קול ברסלב איז פון די גרעסטע הפצה אפאראטן וואס גייט אן אין די קהלה. די האטליין איז געעפנט געווארן מיט בערך צוואנציג יאר צוריק דורך תלמידי מוהרא"ש זי"ע, צוערשט מיט'ן ציל צו קענען מיטהאלטן הוק אפס פון מוהרא"ש'ס שיעורים פאר ווער עס איז נישט אנגעקומען.

אביסל שפעטער האט מען צוגעלייגט א רעקארדינג איבערצוהערן דעם לעצטן שיעור. דאן פלעגט די ליין האבן גאנצע 2 קנעפלעך: 1 פאר "לייוו הוק אפ", און 2 צו "הערן די לעצטע שיעור". מוהרא"ש זי"ע פלעגט אלץ ווארטן ביי די שיעורים און זיכער געמאכט אז דער הוק אפ טעלעפאן איז אנגעצינדן בעפאר ער האט אנגעהויבן דעם שיעור.

אין אנפאנג פלעגט מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א עס אנפירן. פאר גאר א לאנגע תקופה שפעטער פלעגט עס דער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א אנפירן. אונטער אים האט זיך די טעלעפאן ליניע גאר שטארק פארברייטערט, מיט גאר אסאך פרישע קנעפלעך.

צום לעצט איז עס אריבער צו מו"ה משה עקשטיין הי"ו וועלכער האט עס נאך גאר שטארק באריייכערט מיט נאך אסאך געשמאקע און אינהאלטפולע פראגראמען און אפטיילונגען. די טעלעפאן ליניע ווערט אויסגעהאלטן פינאנציעל דורך דעם אלעמען באקאנטן "בית הדפוס" וואס איז דער אדרעס וואס שטייט צו די האנט פאר יעדע סארט הפצה וואס איז שייך.

היינט זענען דא גאר אסאך אפציעס און קנעפלעך וואס מ'קען הערן, און יעדער קען טרעפן עפעס וואס רעדט צו אים, א קנעפל וואס דערמאנט אים אז דער אייבערשטער איז מיט אים, א שיעור וואס וועקט אים אויף פון שלאף.

צווישן די גאר פאפולערע קנעפלעך געפינען זיך: טעגליכע חיזוק, עניני דיומא, שיעורי תורה (שיעורים אין בבלי, משניות, נ"ך, ירושלמי, רמב"ם, שו"ע, ליקוטי מוהר"ן, הלכה, שיעורים מיטצוזאגן, ספר המידות), שמועסן און אנאליזן (פערזענליכע מעשיות פון הפצה און תפלה, אינהאלטסרייכע אינטערוויוס, חמין במוצאי שבת, וואס טוט זיך אין חדר, א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער, שבתים ביים ראש ישיבה, הנהלה אפדעיטס, קרעמל, הנהלה אפדעיטס), קינדער ווינקל (סיפורי צדיקים, מעשיות פון תפלה, מעשיות מיט ניגונים, מעשיות מיט ספר המדות, ימים טובים, לאנטש אין חדר, אומאן פראגראם), היכל נגינה (מוזיק אלבומס, גראמען, לעבעדיגע ניגונים, נוסח התפלה, ספירה ניגונים) און נאך פיל.

אבער נישט אלע האבן שוין באמערקט, אז עס האט זיך לעצטנס געעפנט א פרישע קנעפל אויף "קול ברסלב"; וואס ווערט גערופן "אביסל פון אלעס". עס גייט דארט ארויף אויף א טעגליכן פארנעם קליינע שטיקלעך, אויסצוגן פון דרשות, שמועסן, ניגונים און אזוי ווייטער.

וואס ליגט אונטער דעם נייעם אפטיילונג, און וואס איז די מטרה דערפון? מיר האבן זיך אראפגעזעצט אויף א שמועס מיט'ן מנהל פונעם ברסלב'ער האטליין, ער זאל אונז אביסל פארציילן וויאזוי דאס איז געבוירן געווארן, וואס פונקטליך מ'לייגט ארויף ביי דעם קנעפל, און נאך אינטערעסאנטע דעטאלן דערוועגן.

**212-444-9191**

## ברסלב'ע ברודער

יואל וועבערמאן - אברהם הערש וועבערמאן

## שלום עליכם ר' משה!

עליכם השלום! כדי צו ענטפערן אויף דיין שאלה איבערן נייעם קנעפל אויף "קול ברסלב", דארף מען קודם געבן א קליינע הקדמה איבערן האטליין בכלליות. די גאנצע ליין איז אוועקגעשטעלט געווארן אז אידן זאלן קענען הערן חיזוק, שיעורים פונעם ראש ישיבה, און שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע. דאס הייסט, אז מ'זאל קענען באקומען דעם גאנצן אויסוואל פון חיזוק וואס מ'פארקויפט דא אין "היכל הקודש" אויף א גרינגן און שיינעם אופן.

מיר זוכן דאך כסדר וויאזוי מ'קען עס מאכן שענער און בעסער, כדי דער עולם זאל האבן וואס צו הערן און הנאה האבן. מיט דער צייט זענען צוגעקומען די "ברסלב'ער ברידער" וואס האבן אנגעהויבן מאכן זייערע שמועסן – יעדע וואך ליל שישי גייט ארויף א הערליכער שמועס – און אזוי זענען כסדר צוגעקומען נאך פרישע זאכן אויפ'ן האטליין.

דאך איז אבער נאך אלץ געווען צייטן ווען ס'איז נישט געווען גענוג וואס צו הערן; א מענטש וואס הערט אויס די ליין א גאנצן טאג, האט שוין נישט געהאט עפעס פריש, ווייל ער האט שוין געהאט אויסגעהערט אלעס וואס איז דא דארטן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן עס איז ארויפגעקומען א געוואלדיגע געדאנק צו עפענען א ספעציעלע סעקשאן וואו מ'וועט קענען ארויפלייגן אלע סארט מאטעריאל – סיי אלטע זאכן און סיי אלע אנדערע סארט סחורה. מ'האט שוין אסאך גערעדט און פלאנירט וויאזוי מ'זאל דאס אויספירן מכח אל הפועל, מ'האט שוין אריינגעלייגט כוחות דערין, אבער למעשה איז עס נאכנישט עכט צושטאנד געקומען.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו צוגעקומען צו מיר, אז מ'זאל מאכן אזא סארט אפטיילונג וואו עס זאלן לויפן שטיקלעך איינס נאכן צווייטן. אז מ'טרעפט א גוטן שיעור, א שיינע שמועס, אדער א חיזוק שטיקל, זאל דאס אלעס פארן נאכאנאנד אן קיין שום הפסק און אן קיין שום הקדמות וואס זאלן פאראויס מסביר זיין וואס דאס איז, כדי ס'זאל שטענדיג זיין געשמאק און אינטערעסאנט צו הערן. א מענטש וואס גייט ארום מיט א בלוטוט אינעם אויער – למשל ער האלט אינמיטן די ארבעט און קען הערן א גאנצע צייט – זאל עס פארן פון איין שטיקל צום צווייטן.

טעכניש גערעדט וואלט עס אפשר טאקע געווען א מעלה מ'זאל זאגן פאר'ן עולם וואס יעדער שטיקל איז און פון וואו עס קומט ארגינעל. איך האב טאקע צוריקגעהערט פון זייער אסאך מענטשן וואס האבן געבעטן אז מ'זאל עס יא מאכן אזוי, מ'זאל זאגן פון פאראויס: "יעצט גייט מען הערן א שיעור פון דריי יאר צוריק, דאס איז פון שנת תשפ"א," כדי מענטשן זאלן קענען אמאל צוריקגיין צו יענעם שיעור וכדומה, אדער סתם אזוי אז א מענטש זאל וויסן וואס ער הערט. אבער אויב מ'וואלט געדארפט מאכן א דעסקריפשן פאר יעדע זאך, וואלט די גאנצע אפטיילונג בכלל נישט צושטאנד געקומען; די גאנצע געדאנק וויאזוי אזא אפטיילונג קען ארבעטן איז נאר ווייל עס פארט אויף אן אופן אז עס קען לויפן איינס נאכ'ן צווייטן אן דעם וואס מ'זאל דארפן אריינלייגן צופיל ארבעט אין דעם. עס קען זיין אז אין די עתיד וועט מען דאס טון, אבער דערווייל פארט עס בעסער אויף דעם וועג.

**וואספארא סארט זאכן גייט ארויף? למשל, עס זענען דא זייער אסאך שיעורים פון מוהרא"ש; איז דא א פלאן ארויפצולייגן שטיקלעך פון מוהרא"ש'ס דרשות ? אינטער וועלכע קאטעגאריע דארף עס אריינגיין כדי מ'זאל עס קענען ארויפלייגן?**

יעדע זאך וואס געפינט זיך אויף די ליין וואס א מענטש קען האבן דערפון א חיזוק אדער ארויסנעמען א שיינע זאך, קען דארט ארויפגיין. צי עס איז א שיעור פון מוהרא"ש, א בריוו, אדער עפעס וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט שבת אדער א שיעור פונעם ראש ישיבה; יעדע זאך וואס קען זיין א חיזוק און עס ליגט אויף די ליין, קען דארט ארויפגיין.

א סך מענטשן האבן אויך אנגעפרעגט, אז זיי ווילן זייער שטארק האבן א באזונדערע אפטיילונג נאר פאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה, אדער נאר פאר די שמועסן, אדער בלויז פאר די אינטערוויוס. אזוי ווי מ'קען דאך נישט צופרידנשטעלן יעדן איינעם הונדערט פראצענט, האבן מיר עס אויסגעשטעלט אויף דעם דאזיגן אופן.

אבער אפילו פאר איינעם וואס וויל למשל, הערן נאר זאכן פונעם ראש ישיבה, אויב ער הערט ווי עס הייבט זיך אן א שמועס איבער וואס עס האט זיך אפגעשפילט שבתביים ראש ישיבה, אדער עס הייבט זיך אן א בריוו, איז דאס דאך בעצם אויך פונעם ראש ישיבה אליין; עס זענען נישט קיין פרעמדע זאכן. דאך, קען מען אלעמאל דריקן די פאונד (#) קנעפל צו גיין צום קומענדיגן שטיקל, אויב עס איז טאקע עפעס וואס ער וויל ממש נישט הערן.

בנוגע מוהרא"ש איז אויך פארהאן אסאך קליינע שטיקלעך וואס מ'קען ארויפלייגן, וואס קענען זיין זייער אינטערעסאנט פארן עולם.

כאטש עס זענען נישטא קיין "נייע" זאכן פון מוהרא"ש, קען מען דאס אבער יעצט לייגן דורך די נייע סיסטעם וויאזוי מ'האט אויסגעשטעלט די אפטיילונגען. עס איז שוין דא אסאך דרשות פון מוהרא"ש, און מיט די צייט וועט מען אי"ה ארויפלייגן נאך פילע זאכן פון מוהרא"ש אויכעט. נאכאמאל, איבער די פרשה, לאמיר זאגן, האב איך יעצט פרובירט צו לייגן מער פון פרשת נשא און שבועות, אז מ'זאל קענען מיטהאלטן ענייני דיומא.

ביים דריקן זערא (0) בלייבט עס מער פאר פרישע אפדעיטס, פאר נייע זאכן, פרישע



שיעורים, און נייע בריוון.

די "זערא" אפטיילונג איז געווידמעט פאר פרישע זאכן וואס קומען יעצט ארויף אויף די ליין. די נייע סעקשאן איז מער געמאכט פאר די אלטע זאכן; מען קען טאקע אמאל ארויפלייגן דארט נייע זאכן אויך, אבער דער עיקר ציל איז ארויפצוברענגען אלטע אוצרות וואס א מענטש וועט נישט אליין גיין זוכן אינצווישן די טויזנטער אפציעס אויף די ליין.

אמאל מאכט זיך אז א איד הערט א גוט שטיקל, א גוט ווארט חיזוק וואס האט אים ממש באנומען, און ער טראכט אז נאך אידן קענען הנאה האבן דערפון; קען ער איבערלאזן א מעסעדזש ביי נומער 9 אינעם אידישן מעניו, און מיר וועלן עס ארויפלייגן כדי נאך מענטשן זאלן קענען הנאה האבן.

יעדע זאך וואס געפינט זיך אויף די ליין וואס א מענטש קען האבן דערפון א חיזוק אדער ארויסנעמען א שיינע זאך, קען דארט ארויפגיין.

## וויאזוי קען מען טאקע דורכזוכן אן ארכיוו פון 10 אדער 20 יאר פון דרשות און אינטערוויוס, צו וויסן פונקטליך וואס ס'איז כדאי ארויפצושטעלן?

דער אייבערשטער העלפט. די אלע ענינים פון די פרשיות אדער די ימים טובים האב איך ביי מיר זייער שיין מסודר, און איך ווייס בערך וואו די זאכן ליגן. איך דארף נישט גיין צו טיף זוכן; ווען איך זע א גוט שטיקל, לייג איך עס ארויף. דער אייבערשטער פירט עס אזוי אז עס זאל ארויפגיין פונקט דאס וואס א איד דארף הערן, און אזוי קומט עס אן צו די צוהערער.

## האסט שוין באקומען פידבעק פון מענטשן וואס האבן הנאה געהאט דערפון?

זייער אסאך מענטשן. דער עולם האט שטארק הנאה אז ס'איז דא א גאנצע צייט פרישע זאכן וואס צו הערן. איך האף מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז איך וועל האבן מער צייט און קענען ארויפלייגן נאך און נאך זאכן; איך פלאן ארויפצולייגן אזויפיל זאכן, אז מען



וועט פשוט נישט קענען נאכיאגן אלעס צו הערן...

למעשה איז דאך דער מציאות אז רוב מענטשן לאזן נישט וויסן פאר יענעם צי זיי האבן הנאה געהאט אדער נישט, דעריבער איז טאקע זייער כדאי אז דער עולם זאל געבן הערות און זאגן וואס פאר א געדאנקען זיי האבן וויאזוי מען קען פארבעסערן די זאכן.

איך האב געזען אז ביז יעצט איז די מערסט פאפולערע סעקשאן אויף די ליין געווען "חיזוק יומי", וואו מענטשן פלעגן דאס מערסטע אריינגיין, אבער די נייע אפטיילונג איז יעצט געווארן נאך פיל שטערקער ווי "חיזוק יומי".

דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל אז ער וויל נאר רעדן ווען עס איז דא איינער וואס רעקארדירט דעם שיעור. יעצט קענסטו שוין פארשטיין פארוואס, ווייל אויב עס איז דא א דרשה פון צען יאר צוריק וואס מען האט איינמאל געהערט, קען מען עס צען יאר שפעטער ווייטער הערן; יעדע מאל הערט מען עס פריש איבער, און עס גייט נישט לאיבוד.

אז מען רעדט שוין פון הערן פידבעק פונעם עולם, איז וויכטיג אויסצושמועסן אז בעצם איז זייער געשמאק צו באקומען א קאמפלימענט. ווען איינער געבט א גוט ווארט פאר א צווייטן, ווייזט עס אז יענער איז א וואוילער מענטש וואס פארגינט פאר זיין חבר. אבער מען דארף שטענדיג געדענקען אז מען קען זיך נישט בויען אויף דעם, ווייל מארגן קען קומען איינער און זאגן קריטיק, און מען וועט ווערן זייער באליידיגט.

אבער באמת איז דער עולם אין היכל הקודש זייער מכיר טובה פארן האטליין; זייער אסאך פון אנ"ש זאגן מיר ווי שטארק זיי האבן הנאה פונעם האטליין, און זיי זענען דאנקבאר פאר די גאנצע הארעוואניע וואס מען לייגט אריין דארט טאג-טעגליג. יעדער מענטש האט דאך ליב א גוט ווארט, און יעדער האט ליב ווען מען ענערקענט זיין ארבעט.



אבער די נייע אפטיילונג איז יעצט געווארן נאך פיל שטערקער ווי "חיזוק יומי".



## וויפיל מינוט בערך איז א דורכשניטליגע שטיקל אויף דעם קנעפל?

מען האט אוועקגעשטעלט א צייט פון בערך צוואנציג מינוט אלס א מקסימום. עס קען אמאל ווערן אביסל מער, און אויב עס איז דא א גוטע שטיקל – למשל א לאנגע מעשה וואס ציט זיך לענגער – וועל איך עס יא ארויפלייגן, אבער מען פרובירט זיך צו האלטן מער-ווייניגער צו די צייט. אבער ווי קורץ עס זאל נאר זיין, דאס האט שוין נישט קיין לימיט.

## א גרויסן יישר כח ר' משה, נישט נאר פאר דעם נייעם קנעפל, נאר פאר די אלע ארבעט וואס דו טוסט אינעם האטליין אויף א טאג-טעגליכן פארנעם; אלע זענען זייער דאנקבאר פאר דעם. דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט ביתר שאת וביתר עז.

## צום סוף לייגן מיר צו א ליסטע פון די ערשטע 100 אינטערוויוס וואס ליגט ביים "אינטערוויו אפטיילונג", וואס אונזער שרייבער ר' גרשון קרעמער האט אמאל אפגעשריבן, און עס קען זיין אינטערעסאנט פאר די חשובע ליינער.

1 • ר' ברוך אפעלדארפער • אמונה, תפלה, שלום בית, געטוישט דורכן ראש ישיבה

2 • ר' נחום כ"ץ • איינדרוקן פון שבת סיום הש"ס • השומרים קארטלעך

3 • ר' אברהם חיים וויזעל • געטוישט זיין לעבן 30 יאר נאך די חתונה

4 • ר' יוסי גרין • דער קונטרס וואס ער האט געטראפן 30 יאר צוריק און זינט דאן קיינמאל אראפגעלייגט • איבער זיינע ניגונים

5 • ר' לייבי ראטה • וואס האט אים געמאכט גיין אין ישיבה? • געפילטערט זיין פאון

6 • ר' אייזיק אפעל • 3 טיפס אין חינוך וואס געטוישט זיין לעבן

7 • ר' יעקב יאקאבאוויטש • איבער די חיזוק יומי קארטלעך

8 • ר' יעקב משה אינדארסקי • וויאזוי צו ענדיגן יעדעס יאר ש"ס • און עצה פטור צו ווערן פון חובות

9 • ר' מנחם שטיינבערג • וויאזוי מ'האלט זיך פריש • וויאזוי רעדט מען צו קינדער נאך אן אנטיסעמיטישע אטאקע

10 • ר' משה ארי' שניטצלער • וויאזוי זיין זון בערך האט געענדיגט ש"ס • שמועס מיט המסיים בערך

11 • ר' יצחק מענדלאוויטש, בני ברק • חיזוק יומי המתורגם

12 • ר' אהרן וועבערמאן און ר' יעקב פיש • אינטערעסאנטע מעשיות פון צווייע מפיצים

13 • ר' אלימלך שארף • וואס דארף א דיין צוקומען צום סדר דרך הלימוד? • טיפס אין חינוך

14 • המלמד ר' יחזקאל סאמעט • שיינער חינוך שמועס

15 • ר' אברהם יושע וועבערמאן • זיינע קינדערישע יארן אין די ברסלבע מוסדות

16 • ר' אברהם הערש וועבערמאן • הפצה און נאך

# בריון פון דער ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת כי תשא, י"ט אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין מעסעדזש.

וואס איז בכלל די פראגע? אוודאי און אוודאי זאלסטו ענדערש מאכן די האטליין ווי לערנען דיינע שיעורים; וויל וויפיל פרקים משניות און דפים גמרא קענסטו לערנען אין איין שעה? מען קען נישט לערנען מער וויפיל מען קען אנקומען אין א שעה, אבער אז דו וועסט ארויפלייגן די שיעורים אויפן האטליין "קול ברסלב", וועלן אסאך מענטשן באקומען חיזוק און אנהויבן לערנען, וועסטו האבן אין איין שעה הונדערטער פרקים משניות און הונדערטער בלעטער גמרא אין איין שעה.

דאס איז וואס די הייליגע חכמים זאגן (ירושלמי ברכות ה', א): "העוסק בצורכי ציבור", ווער עס העלפט אנדערע, "כעוסק בדברי תורה", איז דאס גערעכנט ווי לערנען תורה; וויל אז מען איז מחזק אנדערע מיט די עצות פון רבי'ן, מען בלאזט אריין א חיות אין אידישע קינדער, מען ברענגט אריין סדר דרך הלימוד אין די וועלט – לערנען אלע.

זע ארויפצולייגן יעדע וואך אויפן טעלעפאן די שיעורים פאר מלמדים און טיטשערס, אויך די וועכנטליכע פרווין שיעור, וויל הונדערטער און טויזנטער ווארטן ספעציעל אויף די שיעורים, און אז די מלמדים, טיטשערס און מאמעס – וועלן לעבן מיט די הקדמות פון רבי'ן, וועלן אלע קינדער פון די קומענדיגע דור לעבן מיט אמונה, מיט קדושה וכו', און משיח קומט.

עצתו אמונה כי תשא תשפ"ד

# בריון פון דער ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשפ"ו לפרט קטן

משה נרו יאיר, קרית ברסלב

איך האב זייער הנאה געהאט דיך צו טרעפן דינסטאג נאכט איידער די יארצייט סעודה, ביים ציון פון הרב הקדוש מריבניץ זכותו יגן עלינו, און אזוי אויך פאריגע וואך ליל שישי ביים ציון פון הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו אין קרית יואל, איך זע אז דו לעבסט ביי קברי צדיקים, ווי דו קענסט נאר גייסט צו קברי צדיקים, דו זאגסט דארט תהלים און דו ביסט זיך מתבודד; זייער גוט טוסטו, אשריך ואשרי חלקיך, ביי קברי צדיקים קען מען גוט מתפלל זיין, מען קען זיך דארט אויסבעטן.

שטארק זיך מיט דיין הייליגע ארבעט פון ארויפלייגן אלע שיעורים אויפן האטליין קול ברסלב, אזויפיל מענטשן אין די גאנצע וועלט, הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען זיך מחי' מתים דורך די שיעורים. הלוואי זאלסטו אריינלייגן וואס מער כח אינעם האטליין, וואס מער הארץ, דאס פארשפרייטן וואס מער, צו ראטעווען די בני הנעורים וואס דער מלך האכזר שיסט זיי מיט די צען פיילן באשמירט מיט די צען ערליי גיפט רחמנא לצלן, און מען דארף דעם רבי'ן וואס היילט זי, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט בפירוש געזאגט: "און איך הייל זי" (ספורי מעשיות מעשה יג, פון די זיבן בעטלערס).

עצתו אמונה יתרו תשפ"ו

17 • המלמד ר' הערשל שניטצלער • וויאזוי זיך אן עצה געבן מיט שווערע קינדער, און נאך

18 • ר' יואל טייטלבום • וויאזוי ער איז נתקרב געווארן צום רבי'ן • דער סאטמאר רבי בעל ברך משה בעט אים צו מתפלל זיין פאר אים ראש השנה אין אומאן

19 • ר' ישראל מאיר ראטענבערג • וויאזוי א ביזנעסמאן איז געראטעוועט געווארן פון טויט א דאנק הפצה

20 • ר' חיים ברייער • איבער זיינע בחורישע יארן אין ישיבה

21 • ר' אברהם יעקב סופר, צפת • וויאזוי ער איז פריש מקורב געווארן צו ברסלב

22 • המלמד ר' נחמן נתן קרויס • שלעכטע קינדער האבן נישט קיין פלאץ אין חדר • א שארפע מעסעדזש צום טאטן טוישט דאס קינד צום גוטן

23 • א שמועס מיט 2 בחורים לכבוד פורים

24 • ר' יואל שניטצלער • וויאזוי ער איז נתקרב געווארן דורך מוהרא"ש און דורכן ראש ישיבה

25 • ר' גדלי' אפעל • מעשה פון תפלה פון נייע שיך

26 • א אינגעמאן פון מאנטריאל איז נתקרב געווארן דורך א צעטל וואס ר' יצחק יונה זאבעל האט געשריבן

27 • ר' משה ארי' שניטצלער • פארוואס זאל מען גיין הפצה? וויאזוי מעג מען פארכאפן מענטשן?

28 • ר' יודל דעפריס • א טעקנישן פון טעסלא פארענפערט קשיות פון סדר דרך הלימוד

29 • ר' ישראל שלום זעלקאוויטש • זיין זון האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס • ברסלבע חדר און סקול • א שמועס מיט הב' המסיים אברהם אליה

30 • הילד שלום שניטצלער • וואו ער האלט אין ש"ס

31 • ר' גדלי' דוד בלום, בית שמש • וויאזוי גליונות האבן געעפנט שולן און געמאכט שידוכים

32 • א שמועס מיט א טאטע און זיין זון • "ישר כח אייבערשטער" ווען דער לעדל דרייט זיך איבער

33 • ר' שלום שניטצלער • קאראנע און הפצה

34 • ר' אייזיק אפעל • סענדוויטש מעשה

35 • ר' יוסל שניטצלער • וויאזוי זיך צו גרייטן אויף פסח אין קאראנע

36 • ר' מנשה איצקאוויטש • וואס טוט א באס דרייווער ביים רויט לייט? • הפצה

37 • פורים'דיגע אינטערוויו, איטערוויו פון א זיידע און אייניקל אין 45 יאר ארום

38 • ר' ישראל הורוויץ • עצות פון רבין טרייסטן אים נאך די פטירה פון זיין קינד

39 • ר' יצחק משה רייך • עצות פאר די פחד פון קאראנע

40 • ר' משה אריה שניטצלער און ר' יואל טייטלבום • וויאזוי מען מאכט שמחה מיט שמחה

41 • ר' ישראל סאמעט • די מוזיק ווידיאס וואס ער מאכט

42 • ר' אברהם שעכטער, ארץ ישראל • מוהרא"ש'ס ציון

43 • ר' משה ארי' שניטצלער • וויאזוי צו לעבן א געשמאקע לעבן פון גן עדן

44 • ר' מענדל באלאבאן • א וואונדערליכע שידוך פון א בחור און א מיידל וואס זענען געווארן מקורב

45 • ר' יעקב פיש • די שיינקייט פון הפצה • פארגינען • א פאליציאנט ווערט געהעכערט אין ראנג דורך הפצה

46 • ר' אהרן וועבערמאן • 25 מיליאן פרוטה'לעך קאמפיין

47 • ר' אשר יעקב בלום • אונטערן די

קוליסן פון קרן הדפסה

48 • ר' אהרן וועבערמאן, ר' יעקב פיש, יאסי פרערא • פרוטה'לעך קאמפיין, עצות

49 • ר' אייזיק אפעל • פרוטה'לעך קאמפיין, היסטארישע קאפיטלען

50 • הערשל דערציילט אן אינטערעסאנטע חלום פון מוהרא"ש

51 • ר' יואל שניטצלער • עצתו אמונה חלק ג', קרישקעלעך

52 • ר' ישעי' איידליס • וויאזוי שאפט מען שפילצייג פאר די קינדער?

53 • סדר דרך הלימוד

54 • ר' משה ארי' שניטצלער • וויאזוי יעדער קען האבן א חלק אין די תורה

55 • ר' אלי' קרויס, טאהש • געווינער פון $25,000 ראפעל פון די מוסדות

56 • ר' יחיאל הורוויץ, לאנדאן • קול ברסלב געווארן אויפגעכאפט אין לאנדאן • פאליצייא נאכגעלאפן ראש ישיבה

57 • ר' יואל מנחם גרשון שניטצלער • עצתו אמונה • שיינע אלטע אידישע ניגונים

58 • ר' שמואל אליעזר פערל, לאנדאן • הפצה מיט בזניונות, האט מקרב געווען אידן צום אייבערשטן

59 • ר' שמעי' וועקס • דער כח פון ראש ישיבה'ס דרשות

60 • ר' משה ארי' שניטצלער • אומאן • א מעשה מיט א בחור

61 • ר' מיכל ראזענפעלד • וויאזוי דעם רבינ'ס עצות זאלן נישט ווערן אלט

62 • ר' יואל מנחם גרשון שניטצלער • אידישע ניגונים, חלק ב'

63 • דער שדכן ר' ישראל קרויס • וויאזוי עס גייט שידוכים און שלום בית

64 • ר' משה ארי' שניטצלער • די שיינע בר מצה פון זיין זון

65 • ר' רפאל הכהן כ"ץ • זיין סיום הש"ס • מתנות וואס ער האט פון ישיבה • פארוואס ער האט באוואשן א טאטע פון א בחור

66 • ר' שלמה שווארטץ • וויאזוי בני ברק איז נענטער צו וויליאמסבורג ווי קרית יואל • פשטות יהדות

67 • ר' משה ארי' שניטצלער • וויפיל געלט האט מוהרא"ש געהאט?

68 • ר' ישראל פארסט • אינטערעסאנטע איבערלעבענישן

69 • ר' שלום פון קאנאדא • ווינטער נעכט

70 • ר' ישראל שלום זעלקאוויטש • ברסלבע דייעט

71 • ר' פנחס מרדכי טייטלבוים • עצה אפצושטעלן א פאליציאישע אויספארשונג

72 • ר' יואל מנחם גרשון שניטצלער • מיטנעמען חנוכה א גאנץ יאר • די היינטיגע חשמונאים

73 • ר' משה ארי' שניטצלער • דער חילוק פון לעבן מיט א צדיק אדער אן דעם

74 • ר' יצחק פאפענהיים • וויאזוי היכל הקודש ירושלים האט זיך געעפענט • הפצה

75 • מגיד שיעור הרב יואל פאללאק • וויאזוי זיין קלאס האט אויסגעזען פאר און דערנאך

76 • זיסע אינטערוויו מיט קינדער פון ברסלבע חדר

77 • ר' פנחס מרדכי טייטלבוים • סידור קידושין, ברכה אחריתא

78 • ר' משה ארי' שניטצלער • די סוגיא פון "מסורה" • וואס בחורים מאכן מיט

79 • ר' יואל מנחם גרשון שניטצלער • סרח בת אשר • עצתו אמונה

80 • המפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש • הפצה

81 • ר' שלום פון קאנאדא • הפצה אין קאנאנדא

82 • ר' משה ארי' שניטצלער • סדר דרך הלימוד, אינטערעסאנטע עפיזאדן

83 • ר' יוסף לייב קופמאן מיט זיין אינגל חיים שלמה • אויפן וועג צו ענדיגן ש"ס

84 • ר' יעקב איידליס • וויאזוי מיטצונעמען עצות פון ראש ישיבה אויף א גאנץ לעבן

85 • הרה"ח שמואל קליין • צו וואס זעצט זיך אן עלטער זיידע אריין אין ישיבה?

86 • ר' בערל לעווי • יעדער קען טון חסד של אמת

87 • ר' יעקב פיש • די 70 שפראכן וואס ער האט זיך אויסגעלערנט

88 • ר' משה ארי' שניטצלער • שובבי"ם

89 • ר' שלום פון קאנאדא • הפצה • פשוט'ע חתונות

90 • אינטערוויו מיט א אינגערמאן פון בני ברק וואס איז געזיצן אין תפיסה פארן נישט גיין אין מיליטער, וואס ער האט דארט געטון, און וויאזוי ער איז ארויס

91 • ר' הערשל שניטצלער • מעשה פון אם ירצה השם

92 • ר' יחיאל הורוויץ • עצה בדוק ומנוסה אויפצוהערן רייכערן

93 • ר' שלום פון קאנאדא • הפצה און חינוך

94 • ר' משה רייך, לעיקוואוד • דינען השי"ת מיט פאטעיטע טשיפס און זכר באנדלעך

95 • ר' שמואל אליעזר פערל • וואו קען מען טרעפן עסן אין מאנסי?

96 • ר' משה ארי' שניטצלער • 3 מתנות פון מוהרא"ש

97 • ר' יואל שניטצלער • ספר עצתו אמונה, וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן, און איבער סובסקריבשאנס

98 • הילד שמעון פארקאש • איבער זיין סיום הש"ס

99 • ר' אהרן עקיבא קופמאן, בית שמש • וויאזוי זעט אויס א שבת טיש מיט די עצות פון ראש ישיבה

100 • ר' משה ארי' שניטלער • אפצייכענונג פון 100 אינטערוויוס, און וואס זיי טוען אויף • וויאזוי מ'ווערט פטור פון ענקזייעטי

# א מעשה פון א צדיק

# איך דאווען אין ברסלב

אהרן קליטניק

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו מוהרא"ש און געזאגט: "איך דאווען אין א ברסלב'ע שטיבל, אבער עס באדערט מיר אז דער בעל קורא איז נישט קיין ברסלב'ער; און נישט נאר דאס, איך בין נישט אזוי זיכער אז ער איז אן אמת'ער ערליכער איד, איך האב געהערט אויף אים נישט קיין גוטע זאכן."

האט מוהרא"ש אים געענטפערט: "איך זע נישט קיין שום פראבלעם אין דעם, נאר אדרבה, אז דער איד וועט קומען דאווענען אין א ברסלב'ע שול וועט ער ווערן אן ערליכער איד און ער וועט תשובה טון, און ער וועט שוין ווערן איינער פון אנשי שלומנו."

ביי רבי נתן זכותו יגן עלינו איז שוין געווען אזא מעשה, אז א איד א מחלל שבת איז אריינגעקומען אין בית מדרש, און בשעת מען האט געזאגט 'כתר' האט ער אויפגעהויבן זיינע הענט און זיי זענען געווען אנגעשמירט מיט נאסע טינט, וואס דאס האט באדייט אז מיט בלויז עטליכע מינוט צוריק האט ער געשריבן אינעם הייליגן טאג שבת רחמנא ליצלן.

אנשי שלומנו האבן אים געוואלט ארויסווארפן פון דארט: "וואס הייסט? א איד א מחלל שבת קומט דאווענען ביי אונז? ארויס פון דא!" אבער דער הייליגער רבי נתן האט דאס נישט צוגעלאזט. "ארויסווארפן א איד פון שול? חס ושלום!" און דער איד האט למעשה צום סוף תשובה געטון; מען האט געזען די כוח פון דאווענען אין א ברסלב'ע שטיבל.

אזוי אויך איז געווען א מעשה ביי רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה, אז אין די ברסלב'ער קלויז האט מען געמאכט א מנין שבת אינדערפרי אכט אזייגער. די וואס פלעגן אויפשטיין חצות און דאווענען ותיקין האבן מוחה געווען: "וואס הייסט? מען דאווענט נאך זמן קריאת שמע?", און זיי האבן גע'טענה'ט אז די ברסלב'ע קלויז איז נאר פאר די מענטשן וואס שטייען אויף חצות און דאווענען ותיקין, און אלע אנדערע קענען זיך גיין זוכן אן אנדערע שול.

אבער רבי נחמן טולטשינער האט גע'טענה'ט: "ניין, ניין! אז א מענטש דאווענט אין א ברסלב'ער שול, וועט ער ווערן איינער פון אנשי שלומנו און וועט אנהויבן פאלגן די עצות פון דעם הייליגן רבי'ן." און אזוי איז טאקע געשען, אז אלע וואס האבן געדאווענט אינעם שטיבל זענען געווארן ברסלב'ע חסידים.

און אזוי אויך איז געווען מיט ר' לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה, אז אידן האבן געוואלט מאכן א מנין נאך זמן קריאת שמע, און עס האט געוויסע מענטשן זייער געבאדערט מיט א טענה אז עס איז שוין צו שפעט צו דאווענען. אבער ר' לוי יצחק האט זיך גע'עקשנ'ט און געזאגט: "אויב מען דאווענט ביי אונז, וועט מען צום סוף מקורב ווערן".

האט מוהרא"ש אויסגעפירט: "עס איז זייער א שווערע דור, מענטשן האבן א שווער לעבן, א לעבן פול מיט יסורים; וויאזוי קען מען זיך דערהאלטן? דאס איז נאר אויב מען האלט זיך שטארק מיט דאווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט א מנין, און על אחת כמה וכמה ווען מען דאווענט אין א שול וואס טראגט דעם נאמען פונעם רבי'ן, אין אזא שול איז דאס דאווענען פיל חשובער, און דאס געבט חיזוק צו אנגיין ווייטער".

אזוי אויך האט מוהרא"ש צוגעלייגט: "איך האב געהערט פון ר' לוי יצחק זכרונו לברכה, אז זינט ער געדענקט זיך, האט ער זיך מוסר נפש געווען צו דאווענען אין א ברסלב'ע שול צווישן אנשי שלומנו. אפילו ווען עס איז געווען א תקופה וואס ער האט געוואוינט אין אומאן ווייט פונעם ברסלב'ע שול, און אויפן וועג האט ער דורכגעגאנגען צען אנדערע שולן, האט ער דאך דווקא אויסגעקליבן צו דאווענען מיט אנשי שלומנו, וואו מען רעדט פונעם רבי'ן און מען טאנצט נאכן דאווענען. ווייל ווען מען דאווענט אינאיינעם מיט אנשי שלומנו, ברסלב'ע אידן, קלעבן זיך אן אין אונז די דיבורים און די התחזקות פונעם הייליגן רבי'ן".

*אשר הנחל בריוו 23912 און בריוו 20420*

## פאַרזעצונג פון פריער:

**שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵץ, ל' כִּסְלֵיו, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ב, ל"ה) "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם".**

**אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן זִיךְ פִילֶע גוֹיִם מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער גֶעשְׁרִיבְּן זַאכְן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג. אוּן אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר קְלָאר עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי דָאס פַּאסִירְט אוּן פוּן וָואס דָאס קוּמְט.**

**נָאכְ'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן.**

אוּם חוֹדֶשׁ טֵבֵת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן אָפְּשְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים לוֹיט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד, וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן בֵּרוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי חִידוּשִׁים פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֵּרוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה", אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע מֹחַ.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "דוּ בִּיסְט אַ חַד בְּדָרָא אִין חִידוּשִׁין דְאוֹרַיְיתָא", אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אִינֶעם דוֹר צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט, "עֶס אִיז דָאךְ דָא דֶער רַב?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְפֶערְט, "אָבֶּער וִוי הָאט עֶר דַיינֶע הַקְדָמוֹת?"

פַאר שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן קַיין טְשֶׁערִין אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען טְרַאכְט תּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אִין קָאפּ דִי תּוֹרָה אוֹיף וָואס מֶען וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין, דֶער פָּסוּק אָדֶער דֶער עִנְיָן אִין וָואס מֶען אִיז עוֹסֵק דַארְף מֶען אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קְלַאפְּן אוּן הַאקְן אוֹיפְ'ן טִיר, בִּיז מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין אַ חִידוּשׁ אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא צוּמָאל וָואס אַ זַאךְ גֶעבְּט אַ פְּלִי דוּרְךְ אִין דִי מַחְשָׁבָה, אַזוֹי וִוי מֶען וַוארְפְט אַ זַאךְ אוּן עֶס פְלִיעֶט גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן גֶעדַאנְק, אוּן מֶען דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶער גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ נָאכְצוּלוֹיפְן אוּן צוּ כַאפְּן דִי זַאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעטְרֵייסְט, מִיט זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע רֵייד, וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ אוּן אִים זֵייעֶר בַּארוּאִיגְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַלֶע וֶועלְן דָאךְ בָּטֵל וֶוערְן פַאר דִי נַחַת רוּחַ וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן, אִיז עֶס דֶען אַ קוּנְץ צוּ אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ נָאר פַאר יֶענֶע וֶועלְט? מֶען דַארְף זֶען אַז אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל אִים גוּט זַיין".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, וָואס דָאס הָאט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָנְ'ן, מַמָּשׁ בִּיז טְרֶערְן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוֵויינְט פוּן שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְשׁוּת, פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע גֶעפִּיל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן.

דִי רֵייזֶע הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן פִיל לֶענְגֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, צוּלִיבּ דִי פִילֶע שְׁנֵייעֶן אוּן וִוינְטְן וָואס הָאט דַאן גֶעבּוּזְשֶׁעוֶועט, אוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין טְשֶׁערִין אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט פְּרוּבִּירְט כָאטְשׁ צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, דֶער וֶועג הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִינֶעם דָארְף הָאלָאוְקִיוּקָא וָואס אִיז נָאנְט צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעם דָארְף מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת.

*פאַרזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



## דעם הייליגן רבינ'ס
## לעבנסשטייגער

## קס"ב

# געדאנקען

## דער פרענטש פריי עסער מעסט צדיקים

עס האט זיך אזוי געפירט פון הימל אז אונזער ארטיקל פאריגע וואך פרשת נשא ב' האט זיך בטעות אפגעהאקט אינמיטן און מען האט עס באמערקט צו שפעט.

וועלן מיר דא ברענגען עטליכע נושאים וואס איז ארויסגעפאלן פון די פאריגע וואכעדיגע ארטיקל.

די ערשטע נאכט יום טוב ווען מיר זענען געקומען אין שול עטליכע מינוט נאכ'ן זמן הדלקת הנרות, איז געווען שיינע שיחות מיט די ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט, האסט געקענט שלאפן היינט נאכמיטאג? איך האב נישט געקענט שלאפן, אסאך מאל פאר א חתונה, אפילו מען וויל שלאפן קען מען נישט, ווייל מען פריידט זיך שוין צו די חתונה, איך בין שוין אזוי פרייליך צו די חתונה פון די אייבערשטער מיט די אידן.

דערנאך איז געווארן די שמועס לגבי איינער וואס ס'האט אים ווי געטון די פיס, צו מען קען לערנען זוהר מיט תשעה קבין אנשטאט א מקוה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יענעם וואס צו טון.

דערנאך האט איינער געפרעגט וואס טוען די מענטשן וואס גייען נישט אין מקוה.

האט די ראש ישיבה געזאגט עס איז טאקע דא מענטשן וואס גייען נישט אין מקוה און לערנען בכלל נישט קיין זוהר.

אבער, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אן זוהר הייבט מען אן טראכטן אז דאס איז נישט געפערליך און יענץ איז נישט געפערליך.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון זיך נישט שערן די בארד, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון מאשין מצה, און פון די זאך פון שערן די האר ביי די פרויען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן וואס לעבן אן צדיקים, אן זוהר, הייבן אן זאגן אז פון שולחן ערוך מעג מען דאס און פון שולחן ערוך מעג מען יענץ.

און אנדערע מאל האב איך געהערט פון דער ראש ישיבה אז איינער האט אים געפרעגט אז ער האט געהערט זאגן אז פאר פינף הונדערט יאר צוריק איז געווען מער איינגעפירט די זאך אז פרויען שערן זיך נישט די האר, (אוי רחמנא ליצלן ווען א מענטש הייבט אן אריינפאלן אין אויבער-חכם'אישקייט און מיינט אז אזא שפיציגער חכם ווי ער איז נישט געווען זינט בריאת העולם) נאר א צייט דערנאך האט מען עס איינגעפירט, האט דער ראש ישיבה געזאגט איך האב אים געענטפערט אז דיין אידישקייט וואס דו האלטסט היינט איז פון די צדיקים פון די לעצטע דורות און מען דארף הארכן וואס צדיקים לערנען אונז, ווייל פון פינף הונדערט יאר צוריק ביז יעצט זענען אוועק געפאלן פון אידישקייט אן א שיעור מענטשן.

אידישקייט ארבעט נישט אז איך האב יעצט ערפינדן אז אין די צייטן פון די ראשונים האט מען געמעגט דאס מיט יענץ. אידישקייט איז אז איך זאל נישט זיין א אויבער חכם וואס פארשטייט בעסער פון די צדיקים וואס זאגן יעצט וואס איך

**משה אריה שניצלער**

האב צו טון. די צדיקים פון אונזער דור האבן אויך פונקטליך געוואוסט וואס מען האט יא און נישט געטון פאר הונדערטער יארן צוריק.

רבינו הקדוש מ'סאטמאר זי"ע האט פונקטליך געוויסט אז פריער איז געווען א מיידל שולע א זאך וואס מען האט נישט געמאכט. און אז דער רבי' האט געזאגט נאכ'ן קריג מען דארף יא א מיידל שולע דארף מען יא.

אין חומש שטייט "פערציג" מלקות.

קומען די הייליגע תנאים און זאגן אז די הלכה איז "ניין און דרייסיג מלקות".

אין די משנה שטייט אז די הלכה איז אזוי, קומען די הייליגע אמוראים און זאגן "איפוך" דריי איבער די משנה, די הלכה איז אנדערש ווי עס האט דיר אויסגעזען אין די משנה.

אין די גמרא שטייט די הלכה איז אזוי און אזוי, קומען די הייליגע ראשונים און יעדער ראשון טייטשט די גמרא אנדערש, דער הייליגער רי"ף טייטשט פשט אזוי, דער הייליגער רמב"ם טייטש פשט אזוי, דער הייליגער רא"ש טייטשט פשט אזוי, דער הייליגער ראב"ד שרייבט גאר אנדערש ווי דער רמב"ם, דער הייליגער רשב"א שרייבט גאר אנדערש ווי דער רא"ש.

קומט דער הייליגער טור און דער הייליגער בית יוסף און זאגן אז להלכה קוקט מען מער אויפ'ן רי"ף און רא"ש און רמב"ם ווי מען קוקט אויף אנדערע ראשונים.

דאס איז נישט א זאך וואס מענטשן וואס ליגן אין פאלאפל מיט טחינה פארשטייען.



## איבערלעבעניש, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דאס איז נישט א זאך וואס מיר פרענטש פריי עסערס גייען יעצט מעסטן וועלכע צדיק איז גרעסער.

דאס איז א זאך וואס באלאנגט פאר צדיקים וואס זענען גרייט צו שטארבן פאר'ן אייבערשטן יעדע רגע.

יעצט קוק איך אין שולחן ערוך און טראכט געבראקטס אהער געבראטס אהין, קומט דער הייליגער בעל שם טוב און זאגט מען עסט נישט קיין געבראקטס אום פסח, סיידן אחרון של פסח (איבער דעם א באזונדערן ארטיקל בעזר השם).

קומט צו גיין עפעס א כמו פארשטייער און דינגט זיך מיט רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו וועגן יא מיידל שולע נישט מיידל שולע, אבער די ווערטער פון צדיקים דאס איז אונזער לעבן.

און אזוי איז מיט יעדע זאך. ווער עס בייגט איין זיין קאפ פאר די צדיקים איז מער מצליח.

דעם צווייטן טאג יום טוב ביי סיפורי מעשיות האט מען גערהאלטן ביי סוף פון די מעשה פון בעל תפלה, ווי די מענטשן פון די מדינה פון עשירות האבן פארזוכט פון די מאכלים, דאס מיינט פארזוכט די תורה פון צדיק, און האבן זיך זייער געשעמט מיט זייער געלט.

עס האט זיך איבערגע'חזר'ט נאכאמאל די דיבורים פון דאנערשטאג נאכט בנוגע הצלחה אין ביזנעס, אז א קלוגער מענטש פארשטייט אז עס איז דא נארמאלע שעה'ן פון פרנסה, און מען מוז זען צו האבן צייט צו בויען א שטוב דורך געבן גוטע ווערטער און אריינגעבן הארץ און נשמה אין די ווייב און קינדער, א מענטש וואס איז א פארקנעכטעטער צו די ביזנעס אן אויפהער, דאס איז בכלל נישט הצלחה, הצלחה איז זיך אומקוקן אויף די ווייב און קינדער און קוקן אויף זיי מיט א אויג פון רחמנות, מיט א אויג פון לימוד זכות.




ביי שלש סעודות האט מען גערעדט פון די שיחה אין שיחות הר"ן סימן צ"א, אז ווער עס וויל זוכה זיין צו התמדה זאל נישט רעדן אויף קיין שום איד, אז מען האט יעדן ליב קען מען גרינגער לערנען, אז מען קריגט זיך נישט מיט דעם און יענעם האט מען מער צייט צו לערנען.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט וואס מוהרא"ש פלעגט צו זאגן, אזוי ווי עס איז א לאו פיינט צו האבן א צווייטן איד, אזוי איז א לאו פיינט צו האבן זיך אליין, אזוי ווי מען טאר נישט אראפקלאפן א צווייטן איד, טאר מען נישט אראפקלאפן זיך אליין, אזוי ווי מען דארף זען גוטס אין א צווייטן איד, אזוי דארף מען זען גוטס אין זיך אליין.

און דער ראש ישיבה האט געזאגט די זעלבע זאך לגבי די שיחה פון "סגולה להתמדה", אזוי ווי ס'איז א סגולה להתמדה צו זען גוטס אויף אנדערע, אזוי איז א סגולה להתמדה צו זען גוטס אויף זיך אליין.

און דערנאך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז אזוי ווי ביי אלע עצות פון רבי'ן מוז מען האבן תפילה צו קענען אנקומען צו יענע עצה, די זעלבע דא ביי סגולה להתמדה קען מען נישט צוקומען דערצו נאר אז מען בעט "הייליגער באשעפער העלף איך זאל זען גוטס אויף אלע אידן און אויף מיר אליין".

# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:

דער ראש ישיבהביים זיך אומקוקן אויפן בנין אין אומאן בשעת'ן בויען שנת תשע"ח



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**חדר פירן פון הילד הערשי נ"ו בן מו"ה נפתלי בוים הי"ו אין תלמוד תורה בני ברק - ג' נשא-א'**

קרעדיט: יודא דוד לעווי



**דער ראש הכולל בוקר מו"ה יודל דעפריס הי"ו ביים זיך אפגעבן מיט די טייערע קינדער וואס שטייען אויף פרי - ב' נשא-ב'**





**ביהמ"ד היכל הקודש בית שמש רמה ב' שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: יצחק ראטה






**ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל שיין באצירט לכבוד שבועות - ערב שבועות**

קרעדיט: נפתלי זאבעל





**ביים גיסן די פאנדימענט פאר די נייע בנין אין אומאן - א' נשא-ב'**

קרעדיט: יצחק יונה זאבעל






**נייע ווענט אנגעקומען אין תלמוד תורה בית שמש צו בויען נאך א כיתה צוליב די וואוקס פון תלמידים קע"ה - ב' נשא-ב'**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**סיום משניות סדר מועד פון הילד ראובן נ״י בן מו״ה גדלי׳ דוד בלום הי״ו אין תלמוד תורה בית שמש - ג׳ נשא-ב׳**

קרעדיט: יעקב גוטמאן





**די קינדער פון תלמוד תורה בני ברק בייס העלפן רייניגן די חדר - ג׳ נשא-ב׳**

קרעדיט: יודא דוד לעווי





**אסיפה מיט אלע מלמדים פון ארץ ישראל אין בית שמש - ד׳ נשא-ב׳**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**די קינדער פון כיתה ח' אין שטעטל אויף א שפאציר - ה' נשא-ב'**

קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה



**אדמו"ר מקאסוב וויזניץ ארה"ק אויף א באזוך אין ביהמ"ד אין שטעטל - עש"ק נשא-ב'**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**ווייטערדיגע ארבעט ביי די נייע בנין אין אומאן - עש"ק נשא-ב'**

קרעדיט: יצחק יונה זאבעל



**וואכנאכט פון אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א הילד נחמן נתן ני"ו בן הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - מוצש"ק נשא-ב'**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**ברית פון אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א הילד נחמן נתן ני"ו בן הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - א' בהעלתך**

קרעדיט: אייזיק ראטה


ברכת מזל טוב
פון טיפן הארצן טוען מיר וואנטשן א הערצליכן
מזל טוב פאר אונזערע טייערע חבר
מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו
וואס האט ארויסגעהאלפן צו גרינדן דעם 'בית אופה' דקהילתינו
און שטייט ווייטער צו די רעכטע האנט צו יעדער דבר שבקדושה
פון די גאנצע קהילה,
לרגל די שידור שליסן פון זיין זוהן
הבה"ח
משה יצחק דוב
הי"ו
עב"ג בת
הר"ר
חיים הערש
לעבאוויטש
שליט"א
דער
אייבערשטער זאל
העלפן די זיווג
זאל עולה יפה
זיין און דו זאלסט
זען נחת פון אלע
דיינע קינדער און
אייניקלער.
וואנטשט,
נח הערש ווייס
בשם בית האופה ד'קרית ברסלב
*sruliHeskel

בס"ד

פרשת בהעלתך
אויסגאבע # 21

# אינדערהיים

## דער ראש ישיבה ענטפערט מיר נישט

מ. פעדער



**רעספּי**

REFRESHING FRUIT COMPOTE

פערענטינג קורס | **ג. פעקעטע**

איך געדענק נישט גארנישט | **ש. טראכטער**

# אינהאלט



4



6

**בס"ד**
בהעלותך
תשפ"ו
**נומער 21**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

# קול הַבָּרָה

בריוו פון לייענר
צום בלעטל
פאסט קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

## פשוטע שמחות

א גרויסן יישר כח פאר אלע חשובע שרייבערינס פון 'אינדערהיים' וואס טוען א לשם שמים'דיגע ארבעט, און זענען מחיה אויסגעדארשטע נשמות איבער די גאנצע וועלט. יעדע שרייבערן ברענגט ארויס אויף איר אייגנארטיגן וועג דעם רבינ'ס לימודים; דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן.

איך וויל צולייגן צו וואס די חשובע שרייבערן ש. טראטער האט פאריגע וואך געשריבן איבער שמחות.

ב"ה אונזער בחור האט בר מצוה געהאט גלייך נאך פסח. ווען מיר האבן געוואורפן די "באמבע" אז די בר מצוה גייט פארקומען ביי אונזערע עלטערן אין שטוב נאר פאר די נאנטע משפחה, איז עס געפאלן זייער שווער אויף די ארומיגע (זעט אויס אז ביליגע שמחות האט אויך א שייכות צום רבין...).

עס האבן אנגעהויבן קומען באמערקונגען פון רעכטס און לינקס:

"וויאזוי טוסטו דאס דיין אינגל?"

"וויאזוי איז ער מסכים?"

"דו מאכסט אים א שאדן פארן גאנצן לעבן!"

"ער שעמט זיך נישט פון זיינע חברים?" (ער לערנט נאך נישט אין היכל הקודש).

"דו מוזט אים עפעס געבן אנשטאט דעם."

(דרך אגב, מיין מיידל גייט ווערן 12 יאר, און מיין מאן האט זיך איין טאג אנגערופן אז איר בת מצוה גייט מען פראווען אין א גרויסן זאל, ווייל ס'איז גענוג וואס אונזער בחור האט געליטן און איז געווען דער "נעבעך" פון שטאט!...)

איינע האט מיר אפילו געזאגט מיט א (יענע) ווערטל: "מילא חתונה מאכן אזוי פשוט - ניחא, אבער א בר מצוה איז דאך נאר איינמאל אין לעבן!" ה"י...

בקיצור, ס'האט זיך געטון אסאך אהער און אהין, און פאר מיר – וואס איך האב נאך מורא פון "מה יאמרו הבריות" (אי"ה עס וועט זיך אויסהיילן, איך גיי צו טעראפי...) – איז עס נישט אנגעקומען גרינג. אבער ווי אינטערעסאנט איז געווען צו זען, אז וואס נענטער עס איז געקומען דער גרויסער טאג, אלס מער האט זיך אויף מיר אראפגעלאזט א מין רואיגקייט און פריילעכקייט וואס מען קען נישט מסביר זיין.

פארשטייט זיך אז דאס איז געקומען מיט אסאך תפילה. אנשטאט צו זיין פארנומען אז אלעס זאל קלאפן: די קליידער, שיך, האר (ב"ה די קינדער זענען געווען זייער שיין אנגעטון, אבער אן קיין נערוון), בלומען, שאקאלאדן און מזונות, איז מען פשוט געווען פרייליך און מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף דער גרויסער זכיה אז אונזער אינגל גייט אנטון תפילין; וואס דארף מען דען מער?

איינע האט מיר געפרעגט: צו איך דארף נישט קיין מענטשן זאלן זיך קומען מיטפרייען?" און איך טראכט זיך צו מיר וואס דארף איך יענער זאל זיך מיטפרייען, אויב איך קען זיך אליין נישט פרייען מיט מיר אליין?! שוין, אבער דאס קען מען נישט מסביר זיין פאר מענטשן וואס זענען נישט זוכה צו באקומען די "פשוטע" לימודים; הלוואי זאלן אלע זוכה זיין דערצו.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט פארגעסן דעם עיקר. מיר זענען טאקע נישט געקומען אהער נאר כדי צו קענען מאכן ביליגע שמחות – ווי דער ר"י שליט"א זאגט, דער עיקר איז: "עפענען דאס מויל צום אייבערשטן!"

מיט דאנק

***מ. יוזשעף - ארץ ישראל***

ש. טראכטער



# איך געדענק נישט גארנישט

מיין טייערע מאמע רופט מיר אן איין טאג און בעט מיר אויב איך קען אפשר אריבערקומען צו איר. מיין באבע שטייט יעצט איין ביי איר פאר א שטיק צייט און מיין מאמע דארף ארויסגיין. אפשר קען איך אריבערקומען פארברענגען מיט מיין באבע?

אדרבה. איך האב זיך זייער געפריידט צו די געלעגנהייט. אזא מצוה!

בכלל האב איך א ספעציעלע געפיל פאר מיין באבע. איך בין אלע יארן געווען זייער נאנט מיט איר. מיין באבע איז ל"ע געווארן אן אלמנה יונגערהייט און מיר האבן געוואוינט העכער איר. יארן לאנג, ביז מיין חתונה, פלעג איך יעדע נאכט שלאפן ביי איר. דעריבער האב איך אנגעקניפט זייער א שטארקן קשר מיט איר און זיך אסאך געלערנט פון איר אמונה און בטחון.

איך האב געוואוסט אונטער מיין באוואוסטזיין אז דאס איז נישט די זעלבע באבע וואס איך געדענק פון מיינע קינדער יארן.

מיין באבע איז שוין נישט יונג און ליידער איז זי שוין נישט אזוי קלאר. יעדעס מאל מען גייט צו איר מישט זי אביסל מער און מער.

איך בין אנגעקומען צו איר און צוגעלאפן צו איר און איר ארומגענומען. "באבע, איך פריי זיך אזוי דיך צו זען.

איך האב שוין געבענקט נאך דיר.״ (זי וואוינט נישט אין שטאט נעבן אונז)

מיין באבע, מיין טייערע, ליבע, נאנטע באבע, קוקט מיר אן און פרעגט מיר, ״שעפעלע, ווער ביסטו?״

איך שלינג אראפ א קנויל אין האלז. די הארץ ווערט מיר שווער. מיין ליבע ליבע באבע, מיט וועמען איך בין געווען אזוי נאנט, דערקענט מיר נישט.

״באבע, איך בין דיין אייניקל.״

״וועמענס טאכטער ביסטו?״

איך זאג איר ווער מיין טאטע איז. מיין באבע רעאגירט נישט.

״ווער איז ער? מיין זון?״

״יא, באבע.״

״איך קען אים נישט.״

א שטאך פון ווייטאג און צער.

איך שמועס און פארברענג מיט איר און איך דערצייל איר נייעס און שיינע מעשיות.

יעדע פאר מינוט פרעגט זי מיר איבער די זעלבע זאך. ״ווער ביסטו?״

שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה שליט״א רעדט דערפון אין די שיעורים, דעריבער האב איך מיט א שמחה און פרישקייט איבערגעזאגט און איבערגעזאגט אומצאליגע מאל די זעלבע פאר זאכן. איך האב איר דערציילט ווידער און ווידער ווער איך בין און וויאזוי איך הייס און וואו איך וואוין און וויפיל קינדער איך האב וכו'.

אינצווישן האב איך איר געברענגט א גלאז וואסער. מיין באבע האט געמאכט אן ערליכע שהכל. איך פרעג מיין באבע, ״באבע, פארוואס טראגסטו אזא דיקע סוועטער? עס איז זייער הייס.״ (עס איז געווען אינמיטן זומער)

זאגט מיר מיין באבע, וואס געדענקט שוין גארנישט, ״איך האב זיך געלייגט נעכטן שלאפן מיט די שטוב-קלייד און איך האב נישט געהאט קיין כח יעצט צו טוישן. אבער איך וויל דאווענען צום באשעפער און עס פאסט נישט אז איך זאל דאווענען מיט די קלייד וואס איך בין געשלאפן. מילא, טו איך כאטש אן א סוועטער.״

מיין טייערע ליבע באבע געדענקט ג-א-ר-נ-י-ש-ט! זי האט פארגעסן אירע נאנטסטע און טייערסטע. זי דערקענט נישט אירע קינדער, זי געדענקט נישט איר מאן. זי ווייסט גארנישט. אבער פון דיר, אייבערשטער, האט זי נישט פארגעסן.

א מינוט דערויף נעמט מיין באבע א פעדער אבער ווארפט עס גלייך אראפ. ״היינט איז שבת?״ פרעגט זי מיט זארג.

איך בארואיג איר און איך זאג איר, ״ניין, היינט איז מאנטאג.״

מיין באבע צוקרעכצט זיך און זאגט מיר, ״איך געדענק גארנישט!״

עס זענען מיר געקומען טרערן אין די אויגן, אבער צוליב אן אנדערע סיבה. איך האב געזאגט פאר מיין באבע, ״באבע, דו געדענקסט אלעס. קוק, דו פארגעסט נישט ברכות, דו האסט מורא פון שבת. באבע, וואס נאך דארף א איד וויסן? נאר פון זיין באשעפער. די תכלית הידיעה איז 'לא נדע' - נישט צו וויסן. אלעס ארום איז נישט וויכטיג. דער עיקר דארף א איד וויסן אז עס איז דא א באשעפער.״

״קוק, באבע,״ האב איך איר געזאגט, ״די פרוי, די נישט אידישע, וואס העלפט דא, ווען זי וועט זיין אין באבע'ס עלטער וועט זי נישט געדענקן וואס די באבע געדענקט. זי וועט נישט געדענקן פון איר תהלים און אירע תחינות. זי וועט נישט טראכטן אויב עס איז שבת אדער נישט. באבע, דו געדענקסט אלעס וואס א איד דארף געדענקן.״

מיין באבע האט מיר ארומגענומען. זי האט מיר געזאגט, ״דו רעדסט אמת'ע רייד. די אנדערע קינדער ווילן מיר איינרעדן אז איך געדענק יא. איך ווייס דעם אמת. אבער דו זאגסט ריכטיג. זאג נאך.״

האב איך איר געזאגט אז דער ברסלב'ע רבי זאגט אז ״ביי דער וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א מעלה.״ ווייל ווען א מענטש וואלט אלעס געדענקט, וואלט ער זיך נישט געקענט אויפהייבן פון עצבות און ווייטער גיין דינען דעם באשעפער. ער וואלט געדענקט אלע זיינע עבירות און זיין גאנצן עבר.

מיין באבע האט מיר לאנגזאם נאכגעזאגט, ״שכחה איז א מעלה. אז דער אייבערשטער האט עס מיר געגעבן, איז עס זיכער א מעלה. און אז איך געדענק נישט, קען איך דינען דעם באשעפער ריין, ממש ווי א קינד.״

עס האט מיר געשטיקט די טרערן. שטילערהייט האב איך געזאגט פאר'ן באשעפער, ״קוק ווי טייער אידישע

<

קינדער זענען. מיין טייערע ליבע באבע געדענקט ג-א-ר-נ-י-ש-ט! זי האט פארגעסן אירע נאנטסטע און טייערסטע. זי דערקענט נישט אירע קינדער, זי געדענקט נישט איר מאן. זי ווייסט גארנישט. אבער פון דיר, אייבערשטער, האט זי נישט פארגעסן. זי געדענקט אפילו זיך אנצוטון א סוועטער אז עס זאל זיין בכבוד'דיג פאר דיר. מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!"

איך האב פארברענגט נאך אביסל און ווען מיין מאמע האט זיך אומגעקערט, בין איך אהיים. אויפ'ן וועג האב איך איבערגעקלערט מיין שמועס מיט מיין באבע און אריינגעטראכט אין די ווערטער פון הייליגן רבי'ן. "ביי דער וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א מעלה."

דאס איז אן עבודה. וויפיל מאל פאלן מיר אדורך און מיר קענען זיך נישט אויפהייבן פון בושה פון זיך אליינס. זיך אליינס מוחל זיין און אנהייבן פון פריש איז בכלל נישט אזא פשוט'ע עבודה. עס נעמט אסאך אסאך כוחות און אמונה צו זאגן פאר זיך אליינס, "איך הייב אן פון יעצט. וואס איז געווען איז געווען."

א מענטש שלאגט זיך זייער אפט אליינס מיט וואס ער איז אדורכגעפאלן. אבער ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט, "דער אייבערשטער איז דיר מוחל. יעצט דארפסטו זיך אליינס מוחל זיין!"

דא קומט אריין אמונת חכמים. אז דער הייליגער רבי זאגט "שכחה איז א מעלה," דארף איך פארגעסן וואס איז געווען און אנהייבן פריש.

האסט געשריגן אויף די קינדער? האסט נישט גערעדט שיין צו דיין מאן? האסט בארעדט א צווייטן? האסט זיך פארלוירן און ליגנט געזאגט? ביסט אדורכגעפאלן?

ביסט א מענטש. טו תשובה. בעט איבער דעם אייבערשטן און הייב אן פריש. מיר ווייסן פון רבי'נס לימודים, "דער יצר הרע דארף נישט די עבירה, ער דארף די עצבות און צובראכנקייט וואס קומט ארויס דערפון. די צובראכנקייט 'הענדיקעפט' אונז (מאכט אונז פאר אן אינוואליד) און לאזט אונז נישט תשובה טון און אנהייבן פאררעכטן."

אבער דער רבי האט אויף אלעם אן עצה. מיט אביסל תפילה וועלן מיר זוכה זיין אנצוהייבן פון פריש און פארגעסן וואס איז געווען, נאר געדענקען איין זאך: "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין!"

אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט, "איך ווייס גארנישט, איך פארשטיי גארנישט... איך ווייס נאר איין זאך... אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און טוט וואס אים געפעלט און וואס דער אייבערשטער טוט איז זיכער גוט!!"



מ. פעדער



# דער ראש ישיבה ענטפערט מיר נישט

שרי איז א יונגע מיידל מיט צוויי רעכטע הענט קע"ה.

יעדן טאג נאך סקול האט זי געזוכט עפעס אינטערעסאנט מיט וואס אנצופולן די צייט. איין טאג האט זי אנגעטראפן מרת שטיין - אן עלטערע פריינטליכע פרוי וועלכע איז געווען די שניידערין פון געגנט.

מרת שטיין האט איר אנגעטראגן צו קומען באזוכן אין איר סטאר.

מיט רשות פון איר מאמע איז זי גערן געקומען און אפילו פראבירט אביסל ארויסצוהעלפן מיט וואס עס האט זיך אויסגעפעלט.

זעענדיג אירע געלונגענע הענט האט מרת שטיין איר פארגעשלאגן א שטיקל געשעפט, זי קען יעדן טאג נאך סקול קומען, זי וועט איר אויסלערנען נייען, און זי-שרי וועט איר ארויסהעלפן מיט די סטאר, און מיט די צייט ווען זי וועט זיך צולערנען די ארבעט וועט זי איר קענען אויפנעמען פאר א באשטימטע ארבעטער.

שרי האט זיך צוגעכאפט דערצו מיט ביידע הענט, און מיט איר מאמע'ס הסכמה איז זי יעדן טאג - נאכן ארויסהעלפן די מאמע און וואשן די געשיר - געקומען מיט א פונקטליכקייט צום סטאר.

זי האט זיך פיל געלערנט פון מרת שטיין'ס תמימות און ערליכקייט, און אזוי אויך האט זי זיך אסאך געלערנט אינעם געביט פון נייען.

זי האט זיך געלערנט וויאזוי צו נוצן א ניי מאשין, וועלכע סחורה איז גוט צו נייען יעדע סארט קלייד, וויאזוי צו מעסטן ריכטיג, און אפילו אליינס אויסצושטעלן א קלייד, שרי האט שוין אפילו אנגעהויבן ארויסצוהעלפן קאסטומערס צוצונייען אדער פיקסן א קלייד, פארשטייט זיך מיט די הדרכה פון מרת שטיין וועלכע איז

אלץ געשטאנען נעבן איר און איר געוויזן און אויסגעלערנט וואס און וויאזוי.

שרי האט שוין אנגעהויבן שפירן ווי זי קען שוין די ארבעט, זי קען שוין ווערן א באשטימטע ארבעטער.

אין איינע פון די טעג זיצט שרי אויף איר באשטימטע פלאץ, 'מרת שטיין איז נישט דא' באמערקט זי

'אינטרעסאנט' טראכט זי צו זיך מיט וואונדער 'דאס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט'.

'מן הסתם האט זי געדארפט ערגעץ וויכטיג ארויסגיין פאר אפאר מינוט'

אפאר מינוט זענען אדורך און א פרעמדע פרוי באווייזט זיך ביים טיר.

"אנטשולדיגט, איך דארף פיקסן מיין קלייד, דו קענסט עס טון פאר מיר?"

שרי באטראכט די פרוי וועלכע איז פלוצלונג אריינגעקומען אין די סטאר פונקט אין די נישט ריכטיגע מינוט.

"קוק אהער" ווייזט איר די פרוי, "דא איז צו ברייט, דא איז צו שמאל, און דא דארף מען אביסל קערצער מאכן".

שריווארפט פארלוירענע בליקן צו אלע זייטן, 'וואו איז זי - מרת שטיין? וואו איז זי פונקט יעצט פארשוואונדן געווארן?'

די פרוי קוקט אויס צו זיין אומגעדולדיג און ווארט אויף איר ענטפער.

"איך דארף עס וויכטיג פאר היינט, איך האב א שמחה" לייגט זי צו.

שרי ווערט אינגאנצן פארלוירן, זי איז דא אליין, זי האט נישט קיינער וואס זאל איר ווייזן וואס זי דארף טון.

'וויאזוי האט זי מיר געקענט אזוי איבערלאזן אליין?' טראכט זי צו זיך מיט ביטערניש.

'אייגנטליך קען איך דאך שוין נייען' כאפט זי זיך 'מרת שטיין האט דאך מיר אלעס אויסגעלערנט'.

שרי גייט צו צו די פרוי און הייבט אן צו מעסטן פונקט אזוי ווי מרת שטיין האט איר אויסגעלערנט.

די פרוי ווייזט איר פונקטליך וואס מען דארף צונייען.

שרי שטעקט אריין נאדלען אין די ריכטיגע לענג אז זי זאל וויסן וואו צו נייען, אזוי ווי זי האט שוין אזוי פיל מאל געזען מרת שטיין טון.

די פרוי געבט איר די קלייד און שרי זאגט איר אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף ביז א שעה וועט עס שוין זיין גרייט.



די פרוי גייט ארויס, שרי קוקט זיך ארום, מרת שטיין איז נאכנישט דא, זי וועט נישט האבן קיין ברירה, זי וועט אליינס מוזן טון דאס וואס זי האט איר אזוי גוט אויסגעלערנט.

זי זעצט זיך ביים ניי מאשין, זי קען דאך די אינסטראקשנ'ס, עס שטייט קלאר געשריבן וואס יעדע קנעפל טוט, זי זעצט זיך נייען.

א שעה שפעטער ווען די פרוי איז געקומען אפנעמען איר קלייד איז זי געווען זייער צופרידן פון שרי'ס ארבעט, זי האט געצאלט און נאך דערצו צוגעגעבן א שיינע טיפ.

ווי נאר די פרוי גייט ארויס באוויזט זיך ביים טיר נישט קיין צווייטע ווי מרת שטיין.

"דו ביסט אריבער די טעסט" רופט זי אויס מיט א ברייטע צופרידענע שמייכל.

שרי קוקט איר אן אינגאנצן פארוואונדערט.

"איך וועל דיר ערקלערן" זעצט זי זיך נעבן איר "איך האב געהאלטן אז דו ביסט שוין גענוג פעאיג איך זאל דיר קענען אויפנעמען אלץ א ארבעטער, נאר וואס? איך האב געטראכט אז ס'איז נישט קיין קונץ צו קענען די ארבעט ווען איך שטיי נעבן דיר און ווייז דיר יעדע זאך, האב איך אפגעמאכט דיר צו לאזן אליינס, קיינער גייט דיך נישט העלפן, יעצט גייסטו דארפן נוצן אלעס וואס איך האב דיר אויסגעלערנט, און לאמיר זען ווי דו גייסט דיך אן עצה געבן".

***

דער ראש ישיבה האט ערקלערט ביים ליל ששי שיעור פרשת נשא אז א בחור געוואוינט זיך צו אז ער קען אלץ צוגיין צום ראש ישיבה מיט א שאלה און באקומען אן ענטפער.

א קאפל האט חתונה, זיי שרייבן בריוו און באקומען אלץ אן ענטפער אויף זייערע שאלות, בריוון, פאון קאלס, און אזוי ווייסן זיי וויאזוי אויפצושטעלן זייער שטוב אויף די ריכטיגע יסודות.

פאסירט אבער א צייט וואס דער מענטש בלייבט אינגאנצן אליין, זיינע שאלות און בריוו ווערן נישט געענטפערט, דער ראש ישיבה הייבט נישט אויף זיינע פאון קאלס, דער מענטש פיהלט זיך אינגאנצן פארלוירן, ער האט נישט קיינער וואס זאל אים ווייזן די וועג.

דער ראש ישיבה ערקלערט אז דאס איז בעצם א טעסט פארן מענטש צו זעהן

**שרי ווארפט פארלוירענע בליקן צו אלע זייטן, 'וואו איז זי – מרת שטיין? וואו איז זי פונקט יעצט פארשוואונדן געווארן?'**

וויאזוי ער גייט נוצן אלע עצות וואס ער האט קונה געווען.

אזוי ווי א בעבי וועם מען לערנט אויס צו גיין, מען האלט אים אונטער און העלפט אים, איינמאל ער קען שוין גיין לאזט מען אים אפ, זאל ער פאלן און זיך אויפשטעלן ביז ער לערנט זיך אויס צו קענען גיין גוט.

אזוי איז אויך דער מענטש, דו האסט דאך שוין קונה געווען דא אזויפיל, מען האט דיך שוין געלערנט און געהאלפן זיך שטעלן אויף די פיס, יעצט לאמיר זען ווי דו פאלסט און שטעלסט זיך אויף, לאמיר זען ווי דו לערנסט דיך צו גיין.

לאמיר זען ווי דו נוצסט די עצות וואס מען האט דיך געלערנט.

אז דו האסט א שאלה - מאך אויף א 'עצתו אמונה' דארט וועסטו טרעפן ענטפערס פאר אלע דיינע שאלות, דארט וועסטו טרעפן הדרכה וויאזוי זיך צו פירן אין יעדן פרט אין לעבן.

ווען דו ביסט פארלוירן - נוץ דעם הייליגן רבינ'ס עצה, רעד דיך אויס צום אייבערשטן, דאס וועט דיך געבן אזא קלארקייט אין לעבן.

פארשטייט זיך אז מען מוז האבן א מורה דרך, מען מוז פרעגן יעדע שאלה, נאר אזוי וייסט מען וויאזוי זיך צו פירן אין לעבן.

אבער אויב מאכט זיך אמאל אז מען באקומט נישט קיין ענטפער טאר מען נישט האבן חלישות הדעת דערפון, נאר מען דארף פארשטיין אז יעצט איז די צייט זיך אויסצולערנען גיין, יעצט איז די צייט אנצוהייבן נוצן אלע עצות וואס מיר האבן באקומען.

שכח אייבערשטער וואס מיר האבן זוכה געווען צו קומען צו אזא פלאץ, און צו וויסן פון אזא רבי'ן וואס געבט אונז אזעלכע גוטע עצות.

# REFRESHING FRUIT COMPOTE

S. LEVY

רעספי פונדערהיים

## INGREDIENTS

Raspberry jello
1 fresh mango diced
1 bag frozen strawberries diced
1 can pineapple tidbits
small can mandarins

---

## DIRECTIONS

Dilute the jello in 2 cups of boiling water then add diced fresh mango & strawberries.

Add canned pineapple tidbits and mandarins.

You can mix and match canned fruits as desired! Serve chilled and enjoy!



האסט זיך אפגעקילט
מיטן קאלטן "אסייא" פון
די פאריגע וואכעדיגע
היצן?

נישט גענוג פאר די
יעצטיגע היצן,
דארפסט יעצט פון
פריש עפעס קאלט!

שווין זיך א עצה געגעבן
מיטן ברענעדיגע יצר
הרע מיט זיינע פאריגע
וואכעדיגע נסיונות?

דארפסט יעצט פון
פריש אים קעמפן!

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## די קאלירפולע געוויקס

איך בין א קליין קינד,
פארשפילט און געזונט,
עס רופט צו מיר מיין מאמע'ן,
"ווילסט קומען צוזאמען?
ארויס פון די דירה'לע,
כאפן א שפאציר'עלע?"

איך זעה די גרינע בלעטער,
ס'איז א געשמאקע וועטער,
אויף די בלומען דארטן,
רופן מיר צום גארטן.
עס בלאזט א קילע ווינט,
איך לויף מיר ווי א קינד...

מיין מאמע אויף מיר קוקט,
ווי איך לויף אזוי ענטציקט.
מיט איר בליק זי היט,
איר "פייגעלע" וואס פליט,
רופט מיר מיט א הויך קול,
צו ווייט נישט גיין איך זאל...

איך באמערק פון דער ווייט,
עפעס וואקסט דארט ביי די זייט,
א מאדנע הויכע געוויקס,
פון רויט און געל א mix.
איך לויף צו דעם מיט גלוסט,
"מיין קינד, וואטש וואס דו טוסט!"

מיין מאמע שרייט מיט ציטער,
"עס קען זיך ענדיגן ביטער!
מיין קינד, טו מיר גלייבן,
איך בין אויף דעם א מבין,
די מאדנע הויכע געוויקס,
איז פאר דיר נישט קיין גליקס.

איך פיל מען מאכט מיר ענג,
פארוואס איז מיין מאמע שטרענג?
"מאמע, איך בעט דיר ביטע,
ביסט דאך אזא גוטע,
געב מיר כאטש די ברירה,
איז עס דען אן עבירה?"

זי גייט מיט מיר צוזאמען,
מיט א בליק פון ליבשאפט יאמען,
"איך האב דיר ליב מיין קינד,
איך וויל היטן דיין געזונט,
אויב כאפסטו אן דעם שטאם,
קען עס זיין פאר דיר סם.

ס'איז נישט גוט צו פראבירן,
טו עס נישט אנרירן,
הער און פאלג דיין מאמען,
עס קען דיר פארסמ'ען,
זאלסט עס נאר נישט קאסטן,
איך בעט דיר, טו מיר טראסטן."

איך בין שוין געווארן גרויס,
איך ווייס ווי איין ווי אויס,
ס'איז too much איך טראכט,
אזא עסק מען מאכט,
עס בליטשקעט אזוי שיין,
איך פארשטיי שוין אליין.

שוין אזויפיל שנים,
שרייען די רבנים,
ווארענען מיט שיינעם,
בעטן זיך און וויינען,
א סמארטפאון עס איז,
ווי פון א שלאנג א ביס.

מיר ווי קליינע קינדער,
הערן מיט בייז וואונדער,
מען קען שוין מיינען,
וואס דארפן זיי וויינען?
ממש אזוי ס'איז סם?
זיי זענען מגזים סתם.

ס'האט אזויפיל שיינע קאלירן,
איך וויל עס נאר אנרירן,
איך האב שטארקע קרעפטן,
ס'איז נאר פאר געשעפטן,
איך האב א דיסציפלין,
פארשטיי, איך מוז בלייבן "in".

דער צדיק שרייט מיט ציטער,
עס קען זיך ענדיגן ביטער,
מיין קינד, טו מיר גלייבן,
איך בין אויף דעם א מבין,
ס'איז פארקערט פון א גליקס,
עס איז א loaded ביקס.

עס קען אפשר זיין,
מ'זעט נאך נישט די סם,
ס'איז נאך שיין פון דרויסן,

ש. ל. פליישמאן

מ'דערקענט נישט קיין poison,
אבער אין יארן ארום,
זיין מוח איז שוין קרום.

פארלוירן איז די תמימות,
ער שפירט נישט קיין נעימות,
ער מאכט פון קודש חול,
קוקט אויף מצוות ווי אן עול,
נאר א פאון אין די הענט,
און אינעווייניג פארברענט.

ער טראכט נישט פון שפעטער,
ער שאפט זיך א היתר.
רבי, איך בעט אייך ביטע,
איר זענט דאך אזא גוטע.
פאר מיר אין מיין פאל,
איז נאר דאס דער אויסוואל...

רבי, מאך מיר נישט ענג,
איך קען נישט אזוי שטרענג,
מיט א touch מיט'ן פינגער,
עס מאכט די לעבן גרינגער.
איך בין אזוי געראטן,
מיר וועט עס נישט שאטן...

ער גייט מיט מיר צוזאמען,
מיט א בליק פון ליבשאפט ים'ען.
איך זארג פאר דיר מיין קינד,
איך וויל היטן דיין געזונט.
ניין! טו עס נישט קאסטן,
איך בעט דיר טו מיר טראסטן...

פארוואס זאלסטו ליידן?
דו קענסט עס פארמיידן,
אינגאנצן אויסקרויזן,
אוועקשטיין פון די פויזן,
זיין שטארק ווי א גיבור,
**לכתחילה אריבער.**

פארוואס זאגט עס מיין רבי'ן,
ווייל ער זארגט פאר מיין לעבן,
קומט אראפ צו מיין דרגה,
בעט מיר, זיי פון די שטארקע.
ער האט נישט קיין אינטערעס,
זע, ער מיינט נאר דיין בעסט.

ווילסט פילן באלעבאטיש?
נישט אויסזען פארצייטיש?
Ahead און פארגעשריטן,
ערלעדיגן אין מינוטן.
פון דעסטוועגן אפילו,
זוך נישט אויף א קולא.

מ'רעדט דא פון א סכנה,
פון א שווערע קללה,
מ'איז נישט פאנאטיש,
ווען מ'האט עס נישט.
Backdated, פאר'תמ'ט,
ווילסט ווערן פארסמ'ט?

אדרבה, אן דעם,
לעבט מען איינגענעם.
עס איז פונקט פארקערט,
דאס לעבן האט א ווערד.
מיט value ספעציעל,
געשמאק און אריגינעל...

מיט א בליק א ווייטן,
ער זעט די רעזולטאטן,
דער צדיק זעט די חורבן,
וויפיל זענען שוין געשטארבן.
פאלג וואס פון דיר ער בעט,
גלייב אז מער פון דיר ער זעט...

מ'רעדט נישט פון א פאון,
וואס האט בכלל נישט א צוים,
דאס איז שוין די אפגרונד,
פון ר"ל די הארבסטע זינד,
א תירוץ פון ביזנעס,
פאר כפירה און זנות.

**ווער נישט א נעגאטיווע,**
**האט געזאגט דער ראש ישיבה,**
**נעם די סמארטפאון שיעור**
**פאר דיר exclusively,**
**טו קיינעם נישט פיקסן,**
**זע נישט יענעמ'ס געוויקסן.**

קוק אויף זיי ווי נעבעך,
ס'איז פון גליק דער היפוך.
א גאנצן טאג זיי ווישן,
א סקרין פון מרעין בישין,
האב אויף זיי רחמנות,
זיי זענען דאך אין גלות.

"באשעפער, טו אפהיטן",
בעט פאר אלע אידן.
מיט תפילה וועסטו אויפטון,
**דיינע דורות האב אינזין.**
העלף אלע וואס פון מיר שטאמען,
זאלן שטיין ווייט פון די סמ'ען.

**ונהיה אנחנו וצאצאינו,**
**לעב א לעבן מיט די עצות פון רבינו.**




# פערענטינג קורס

מ'קען זיך שוין אביסל ארויסזעצן, זיך צאמקומען, ס'הייבט זיך אן די "סירקל סיזען". די פרויען זעצן זיך ארויס אין די נאכמיטאג שעות ווען די קינדער פארברענגען צוזאמען אין די ווארימע וועטערס.

יעדער האט א דעה אויף יענעמ'ס חינוך, נישט נאר אויף די חינוך פון די שכנים'ס קינדער, נאר אויך אויף זייער טעיסט אין קליידער, זייער סטייל פון עסן, זייער סקעדזשועל פונעם טאג, און אזוי ווייטער...

אלעס וואס מ'האט געטון דורכאויס די ווינטער ווערט אוועקגעמאכט דורך א קליינע הענטעלע, וואס איז געבינדן אויפ'ן גוף וואס האט נאך א קלענערע IQ (שכל) וואס זאגט מבינות: "נע, אזוי טוסטו? מ'דארף טון פונקט פארקערט." און ווען די צווייטע זאגט אז זי טוט טאקע פונקט פארקערט, וועט אלעמאל זיין א דריטער וואס האט א פיפטע דעה און האלט אז ס'דארף זיין גאר אויף אן אנדערע סארט פארנעם. און אזוי פארברענגט מען די נאכמיטאגס פריינטליך- צומאל, אז מ'נעמט זיך צום הארצן אדער מ'טראכט נישט וואס מ'רעדט- פיינטליך.

איין טאג האט זיך געמאכט א שמועס צווישן די פרויען איבער "פערינטינג קורסעס", וואס לערנען אויס וויאזוי צו אויפהאדעווען קינדער.

חני גייט אריין אין א לאנגע קאמפליצירטע "מעטאד" וואס זי האט געטון דורכאויס די ווינטער. זי איז מסביר פאר די אלע פרויען וואס הייבן זיך שוין אן קלאפן און טראכטן צו זיך אז זיי זענען גארנישט ווערד- און אז זיי האבן נישט די מינדעסטע השגה וויאזוי צו זיין א מאמע- די "מעטאד" וואס זי האט געטון דורכ'ן

ווינטער.

פאר זי קען ווייטער רעדן, האקט אריין איר פיר-יעריגע מיידל מיט א נודזשעריי אז זי וויל יעצט באקומען א "פאקסי אייסעס". חני זאגט איר אז מ'האט נישט יעצט קיין "פאקסי", און דאס קינד הייבט אן וויינען און שטויסן ביי איר פוס.

זי נעמט די קינד און פלאצירט איר ווייט אוועק פון די סירקל פרויען, און קומט צוריק ווייטער צו איר מאנאלאג וואס זי האלט אינמיטן רעדן וועגן די "פערינטינג קורס" אין וואס זי האט זיך אריינגעלייגט די ווינטער.

דערווייל האט זיך געהערט שרעקליכע קולות פון די קליינע פיר-יעריגע וואס איז געזעצן אין די זייט און פארפירט און געוויינט אז זי וויל האבן איר "פאקסי".

"ס'גייט עפעס אזוי," האט זי פרובירט מסביר צו זיין, איבערשרייענדיג די געוויין פון איר טאכטער, "מען נעמט א קינד, אבער נאר איין קינד אויפאמאל, און דעי קינד באקומט א 'סעשאן' פון צוויי חדשים. מען נעמט דעי צייט זיך אפצוגעבן דווקא נאר מיט דאס קינד, און אזוי צוביסלעך ווערט די גאנצע משפחה פארראכטן."

אלע האבן איר אנגעקוקט מיט אומפארשטענדליכע אויגן. "וואס הייסט? וויאזוי ארבעט דאס? מען נעמט נאר איין קינד, און די גאנצע משפחה לאזט מען פייפן?" חני איז ווייטער מסביר אז ס'איז נאר אויף א קורצע ווײַלע, ווייל יעצט טוט מען די קורס, און מ'מוז אויסארבעטן די ממשות פון די קינד, דעריבער, אין די פאר וואכן שטעלט מען זיך זייער שטארק אויף דאס געוויסע קינד.

מ'דארף זיין זייער אויסגערעכנט ווען צו זאגן יא, ווען צו זאגן ניין, וויפיל צו לאזן, און וויפיל צו פארלאנגען, און דאן איז נישט דא קיין וועג צוריק. א זאך וואס האסט געזאגט איז געזאגט, איז זי מסביר.

אינצווישן איז איר פיר יעריגע געקומען צו לויפן, ווייטער שרייענדיג און איבערהאקענדיג איר מאמע'ס גרויסע מבינות וואס זי האלט אינמיטן פארקויפן, די לאקשן וואס מיר אלע זעען קלאר האט נאכנישט געארבעט אויף די פיר יעריגע קינד.

דאס קינד האט אנגעהויבן ברעכן, און אלע האבן זיך אוועקגערוקט מיט רחמנות'דיגע אויגן, און געלאזט חני ווייטער זיך פארען מיט איר קינד. אבער חני זאגט, "ניין, איך וועל נישט יעצט רעדן מיט מיין טאכטער," און זי האט איר ווייטער אוועקגערוקט אויף די זייט, און פרובירט ווייטער צו מסביר זיין וויאזוי די מעטאד ארבעט.

דאסמאל האבן מיר שוין נישט געקוקט מיט אומפארשטענדליכע אויגן, נאר מיט אומגלויבליכע אויגן. "דיין טאכטער האט יעצט געבראכן!" רופט זיך איינער אן, "דו דארפסט קעיר נעמען פון איר."

אבער חני איז נישט פארטיג, "איך האב נאך נישט געענדיגט מסביר זיין די קורס!" האקט זי איבער, "ענק פארשטייען נישט, דאס איז א טייל פון די פראסעס. אז ווען א מאמע זאגט ניין, גיי איך מיך עקשנ'ען קאפ אין וואנט, אן קיין שום הסברים."

"אפילו ס'מאכט זיך אמאל, אזוי ווי יעצט, אז מיין טאכטער פילט זיך טאקע נישט גוט, און זי האט שוין געבראכן אפאר טעג אין א רייע, און זי איז עטוואס דיהיידרעיטעד, און זי פילט זיך נישט גוט, און איך האב איר געקויפט Pedialyte פאקסיס-ספעציעלע אייסיס וואס האט אין זיך שטארקע עלעקטראלייטס וואס דארף צו געבן כח און קראפט פאר אן אפגעשוואכטע קינד וואס גייט דורך א ווירוס, אבער וויבאלד איך האב איר פריער געזאגט צו טרינקען די ספעציעלע סארט פאקסי, פאר איך בין ארויסגעקומען, און זי האט זיך נישט דעמאלט געלאזט, ווייל זי איז געליגן מוטלאז אויף די קאוטש, און זי האט זיך געפוילט פון אליין גיין נעמען דאס וואס איך האב איר געהייסן, דערפאר יעצט ווען זי האט אנגעהויבן וויינען אז זי וויל איר פאקסי, האב איך איר נישט געקענט העלפן.



אפילו מיין הארץ גייט מיר טאקע אויס, זי פילט זיך טאקע נישט גוט, זי ליידט אויף א שווערע ווייַרוס, און זי דארף באמת יא האבן די fluid-נאסקייט אין איר סיסטעם אז זי זאל נישט זיין אזוי אפגעשוואכט אדער חס ושלום חלש'ן, אבער וואס זאל איך טון, דאס איז די קורס, און איך דארף מיך יעצט האלטן דערביי! איך האלט יעצט ביי מיין פערטע קינד אין די רייע פון די ווינטער.

אמת אז ס'ווערט שוין זומער, און ס'איז שווערער צו מחנך זיין אזוי דא אין די פעלד, אבער וויבאלד איך האב מיך אויפגעסיינט פאר די קורס וואס וועט מיר גרינגער מאכן מיין וועג זיך אומצוגיין מיט מיינע קינדער, מוז איך עס ענדיגן.

איך האב נאך צוויי וואכן פארבליבן- מיט דאס פערטע קינד, וואס איז פיר יאר אלט, און איך וויל נישט יעצט אויפגעבן און זאגן אז איך האב נישט געטון אלעס וואס מעגליך צו זיין א גוטע מאמע.״

מיר קענען אויך טון אזא סארט קורס, ספעציעל יעצט אין די שענערע וועטערס, אבער און version 2.0, און די פארבעסערטע פארנעם.

מ'נעמט איין קינד אויפאמאל, און מ'געבט אוועק א שטיק צייט צו בעטן פאר דאס קינד. מ'זעצט זיך אוועק אין א שטילע ארט, און מ'רעדט זיך אויס צום אייבערשטן אויף מאמע לשון ״הייליגער באשעפער, העלף אז מיין קינד זאל זיך אויסארבעטן די מידות, מיין קינד זאל קענען בייקומען זיין נסיונות ווען ער איז נאך יונג, ער זאלן אויסוואקסן געזונט, ערליך, און א גוטע מענטש.״

אויב וויל מען טון די קורס אויף א שטערקערע פארנעם, מאכט מען זיך אפ פאר אפאר טעג, אפאר וואכן... אז יעצט וועל איך בעטן זייער שטארק ספעציעל אויף דעי קינד. מ'בעט די קינד זאל אויסוואקסן ערליך, מ'בעט די קינד זאל אויסוואקסן הייליג, די קינד זאל האבן א געפיל אין תורה, אין יראת שמים, אין תמימות, און נאכגיין אן ערליכע איד זיין גאנצע לעבן. מ'בעט אז די קינד זאל מצליח זיין אין חדר, מ'בעט אז די קינד זאל מצליח זיין מיט חברים, מיט געשוויסטער, און מיט זיך אליין.

מ'בעט אז דאס קינד זאל האלטן פון זיך, מ'בעט אז דאס קינד זאל האלטן פון אנדערע, די קינד זאל זען גוטס אין אנדערע, און די קינד זאל פארשפרייטן די ליכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן אויף די וועלט.

יעדע מאמע קען איר קינד. בעט זי פאר יענע קינד ספעציעל וואס ער דארף מצליח צו זיין אין לעבן. פארשטייט זיך מ'בעט אויף זיך אויך, ״הייליגער באשעפער העלף איך זאל קוקן גוט אויף דעי קינד, איך זאל זען די גוטס אין די קינד, איך זאל שטענדיג אויסלויבן די קינד, איך זאל האבן א גוטע קשר מיט די קינד, איך זאל קענען מחנך זיין דעי קינד אויף זיין וועג,״ ווייל יעדע קינד דארף א צווייטע צוגאנג צו חינוך.

מ'בעט ווייטער אז מ'זאל מצליח זיין מיט די חינוך פון די קינד, און די קינד זאל אויסוואקסן הייליג, ערליך, און געזונט. מ'בעט אז דער קינד זאל האבן וואוילע גוטע חברים, מ'בעט אז דער קינד זאל זיך אויסקומען מיט די געשוויסטער, דער קינד זאל שיין אויפעסן, דער קינד זאל האבן חשק אויפצושטיין, צופרי גיין דאווענען און לערנען, דער קינד זאל זיך שפילן שיין און איידל, דער קינד זאל האבן דרך ארץ, און די ליסט גייט ווייטער און ווייטער...

ביז ווילאנג עס נעמט אז מען זעהט א שינוי לטובה, בעיקר אין זיך אז מ'הייבט אן האלטן פון דאס קינד, זעהן פינטעלער גוטס וואס מען האט פריער נישט באמערקט, וואס ברענגט צו אז מ'קען שוין אויסלויבן דאס קינד, וואס מאכט אים שוין האלטן פון זיך, און דעריבער פארבעסערט ער זיך שוין במילא אין אלע הינזיכטן...

דעס איז א קורס וואס ארבעט, ס'ווירקט. אז ס'מאכט זיך אינמיטן די קורס, אז דער קינד הייבט אן וויינען און פארפירן, און מ'טרעפט זיך פארלוירן, און מ'ווייסט נישט וואס איז די ריכטיגע צוגאנג דא אויפן פלאץ, שעפשעט מען ארויס א קורצע תפלה ״באשעפער, וואס טו איך דא ווייטער? איך וויל אויפבויען מיין קינד, אבער איך דארף אויך מחנך זיין מיין קינד. וואס איז ריכטיג יעצט- ווייער אדער שטרענג? שטראפן אדער באלוינען? זען אדער פארקוקן?״ און דער אייבערשטער פירט צו די שענסטע און די בעסטע אין יענע מצב.

לאמיר טון דעי פערענטינג קורס, די חינוך פון דער הייליגער רבי, מאכן אסאך תפילות אויף די קינדער, אויפזוכענדיג גוטס אין זיי, עס אויסלויבן, עס אויסרומען, און בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע קינד מיט פולסטן פרטים באזינדער.

אז מ'וועט טון אזוי, צוביסלעך, צוביסלעך, איין קינד אויפאמאל - און דערוויל אויך געדענקען אז מיין מאן און איך זענען אויך דעם אייבערשטען'ס קינדער, און דעריבער זאלן מיר אויך ווערן אריינגערעכנט אין די קורס פון זיך מאכן א צייט אויסצובעטן אויף די ערוואקסענע קינדער - וועלן מיר שיין מצליח זיין מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

# קינדער היים




"מיט תפלה" - ווער קאמט

ר' נתן'ס לעצטע ווערטער
- ברסלב'ע חידות

וואס די טיש פונעם מענטש געבט אים
- ספר המדות

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן ריבניצ׳ער רבי זצ״ל**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר׳ יחזקאל רוטה זצ״ל**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



# טרעפליך

טרעפט די פאלגענדע בילדער











**די אינגלעך זענען זיך מחיה מיט א פיינע שווים**



# דעם רבינ׳ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי׳ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי׳ האט געזאגט: ״גיוואלט, זייט אייך נישט מייאש! קיין יאוש איז נישט פארהאן!״

## ברסלב׳ע חידות

**וואס איז געווען די לעצטע ווערטער וואס ר׳ נתן האט ארויסגעזאגט פארן אוועקגיין פון די וועלט?**

א. לערנט דעם רבינ׳ס ספרים
ב. הפצה הפצה הפצה
ג. חנון המרבה לסלוח
ד. קיינמאל ווייטון א צוויטן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי׳ זאגט: ווען מ׳בעט עפעס דעם אייבערשטן דארף מען בעטן מיט רחמנות, מען טאר זיך נישט עקשנ׳ען

## געב א שמייכל

**ווען קומט אויס אז א מענטש האט געהאט פופציג יאר גלעזער, און מיטאמאל דארף ער עס שוין נישט האבן?**

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח

## א שטיקעלע ספר המדות

### אֲכִילָה

**ג. שֶׁלְחָנוֹ שֶׁל אָדָם מְזַכֶּה לוֹ לְעָלְמָא דְאָתֵי, וּמְזַכֶּה לְפַרְנָסָה, וְהוּא רָשׁוּם לְטוֹב לְעֵלָּא וּלְעֵלָּא, וּמְזַכֶּה לֵהּ לְאִתּוֹסָפָא לֵהּ כֹּחַ וּגְבוּרָה בְּשָׁעָה שֶׁאִצְטָרִיךְ לֵהּ.**

דִי טִישׁ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אִים עוֹלָם הַבָּא, עֶס גֶעבְּט אִים פַּרְנָסָה, עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ זַיין פַארְשְׁרִיבְּן צוּם גוּטְן אוֹיבְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס גֶעבְּט אִים כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט אִין אַ צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס הָאבְּן.



# קליין און שיין


אדי שטיינבערג


יונגערע בית פיגא בית שמש


נחמן יאקאבאוויטש


רבקי פריינד


רחל זאבעל


שלמה יאקאבאוויטש


בית פיגא שטעטל זעקסטע קלאס


מענדי יאקאבאוויטש


פייגעלע יאקאבאוויטש


סילקי ראטענבערג

# מיט תפלה






געמאלן דורך: ר. וועבערמאן

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.